STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09826

OYF VILNER VEGN

Abraham Karpinowitz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם קאַרפּינאָוויטש

✶

אויף ווילנער ווענג

אברהם קאַרפינאָוויטש

אויף ווילנער וועגן

אבֿרהם קאַרפּינאָוויטש / אויף ווילנער וועגן
שער־בלאַט / רפאל כוואָלעס
פֿאַרלאַג י.ל. פּרץ, תל־אביב
געדרוקט אין תל־אביב 1987

ABRAHAM KARPINOWITZ

OIF VILNER VEGN

Frontispiece by Raphael Chvoles

Published by I.L. Peretz Publishing House Tel-Aviv

נדפס בישראל

דפוס א. גרינשטיין, שביל המפעל 6, ת"א, טל' 831425

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון פאַרבאַנד פון
ווילנער ייִדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן „נוסח ווילנע"
קרן הנצחת זכרה של יהדות פולין
קרן אדית וישראל פולאַק
יידישער ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַראיין אין ישראל
סאָניע און בצלאל קאַסטנער־פאָנד א.נ. מלך ראַוויטש
ביים י. ל. פרץ — פאַרלאַג, תל־אביב

מײַן ברודער אליהו
דעם מײַסטער פֿון אַלע בינע־עפֿעקטן,
ער האָט געדינט דעם טעאַטער
מיט ליכט און שאָטן
און געצונדן די ראַמפּע
אין אַלע קאָלירן פֿון רעגן־בויגן
צו באַװוּנדערן די פֿאָרשטעלונג.

לזכר

דער גאַסט

דער גאַסט

לייקע די שוואַרצע האָט שוין דעמאָלט ניט געאַרבעט ווי אַ דערלאַנגערקע ביי איצקע דעם געלן אין קנייפּע. ס׳האָט זיך געמאַכט אַ מעשה מיט אַ גאַסט. יענער האָט פונאַנדערגענומען די הענט און געוואָלט ווערן אַ מחותן מיט איר. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט און לייקע האָט אים אָפּגעזידלט פון אויבן ביז אַראָפּ. דער גאַסט האָט זיך זייער באַליידיקט און געוואָלט צעגראָמירן די גאַנצע קנייפּע. איצקע האָט זיך צעשריען אויף לייקען:

— ווילסט זיין דורכויס וויטיש, גיי דינען ביים שניפּישקער רב!

ס׳איז גראָד געווען אַ געלטיקער גאַסט, מ׳האָט אים געקאַנט פאַררעכענען צוויי מאָל די זעלביקע פלאַש בראַנפן. האָט איצקע דערמאַנט לייקען, אַז בסך־הכל האָט ער זי גענומען פון טאָווּשע דעם מלאכס הייזל, דאַרף מען אַ מאָל פאַרבייגן דעם פּאַסאַן. און זי פאַרשטייט ניט.

לייקע האָט יאָ פאַרשטאַנען. זי האָט פאַרשטאַנען אַז גלייך דאַרף זי אויסטאָן דעם געבלימלטן פאַרטעך און גיין זוכן אַרבעט אַנדערש ווו. לייקע האָט זיך אַזוי לאַנג געדרייט ביזקל זי אין צוריק אַרויס אין גאַס.

איז לייקע נעבעך ווידער געשטאַנען אויפן ראָג פון קאַלעיאַווע און געמאַכט אַ חשבון מיט איר פינצטערן גורל. אין גאַנצן פון לייב איז נאָך לייקע ניט אַראָפּ. זי האָט נאָך אַלץ געקאַנט אויסנעמען מיט אירע שוואַרצע לאָקן און דעם צאַרטן, לאַנגן פּנים. ווען זי וויל שטיין אויף סובאָטש, נעגטער צו דער ברייטער גאַס מיט די קינאָס, מיט שליימקע פייסקעס רעסטאָראַן, האָט זי פּרנסה אויף

פּרנסה. דרייט זי זיך גאָר אויפֿן שטיקל גאַס פֿון קאַלעיאַווע ביזן וואָקזאַל. קיין גרויסע זאַכן האָט מען דאָרטן ניט געקאָנט אויפֿטאָן. דער עולם איז דאָרטן אַ שיטערער. האָט זיך עמעצער באַוויזן — איז ער אָדער געלאָפֿן צו דער באַן, אָדער זיך געאײַלט אין שטאָט אַרײַן. און אָוונט איז אין יענער געגנט סתם געווען אַ מידבר.

אָבער לייקע האָט זיך ניט געוואָלט דרייען מיט אַלע מיידלער. ערשטנס, האָט זיך לייקע שוין געהאַט אָפּגעוווינט פֿון די האַדקע רייד מיט דעם הפקר. צווייטנס, האָט זי שוין ניט געהאַט דעם פֿריערדיקן דריג. די פּאָר יאָר וואָס זי האָט געדינט ביי איצקען, האָבן אויסגעגלעט איר זשמורען מיטן אויג און דרייען מיט דער טאַליע. אַחוץ דעם זענען אָנגעקומען נייע שיקסעס פֿון דאָרף, גראָבע פּליגלען. פֿון אַלע געוועזענע חברטעס איז איר געבליבן טאַמאַרע די הויכע. עלטער פֿון איר און שוין לאַנג אַרויס פֿון פּאָר. טאַמאַרע איז געוואָרן אַ פּליקערקע אין שחיטה־שטיבל, צופּט דעם פּוך פֿון די עופֿות. איז ניטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורײדן.

האָט לייקע געמאַכט אַ חשבון: שוין בעסער אַזוי, איידער זיך צו מישן מיט די אַנדערע. דער גאַנצער פּאַך האָט פֿאַרלוירן זיין ווערדע. אָט איז געקומען איינע פֿון אַרגענטינע און איינגעפֿירט אַ נייע מאָדע: אַז ס'איז אַריין אַ גאַסט פֿאַרברענגען, האָט זי פֿאַר־רייכערט אַ פּאַפּיראָס, געגעבן איין צי, אָוועקגעלייגט דעם פּאַפּיראָס אויפֿן ברעג פֿון טיש און געמאָלדן דעם גאַסט, אַז די צייט זיינע ענדיקט זיך צוזאַמען מיטן פּאַפּיראָס. אַזוי, האָט זי דערציילט, אַרבעט מען אין אַרגענטינע און מע פֿאַרדינט געלט.

ווילנע איז ניט געווען געוווינט צו אַזעלכע פֿירעכצן און ס'איז געקומען צו איבעררײדן און דראַקעס. האָט לייקע אַלץ געטאָן צו זיין ווייט פֿון דעם אַלעם. זי איז אַרויס איטלעכן אָוונט שפּעט אין גאַס און געוואַרט אויף אַ שטילן קונד. זי האָט זיך בעסער באַנוגנט מיט ווייניק, איידער זיך צו וואַרפֿן אין די אויגן. זי האָט זיך ניט געפֿאַרבן, ניט געשמינקט די באַקן אויף רויט. זי האָט בלויז אויפֿ־געטרענט צוריק די סליצע אין קלייד, ס'זאָל איר לייכטער זיין צו שפּאַנען אַהין און צוריק.

ווען דער שרייבער סיאַמקע קאַהאַן, וואָס האָט זיך געבונטעוועט קעגן פּוילן און זיך אויסבאַהאַלטן ביי איר פון דער געהיים־פּאָליציי, האָט איר צעטומלט דעם מוח וועגן אַ בעסערער וועלט, ווי אַלע מיידלער דרייען שרויפן אָדער מעלקן קי, איז זי גלייך אַוועק פון דער רויט־לעמפּלדיקער געגנט סאָפּיאַניקעס, כדי צו טאָן אַ ריינע אַרבעט ביי איצקע דעם געלן.

✶

איין מאָל אין אַ פּרייטיק־צו־נאַכטס האָט זיך לייקע אַרומ־געדרייט אויף קאַלעיאָווע און געוואַרט, אפשר וועט זיך עפּעס מאַכן. נאָר עמעץ האָט געוואַרט, עפּעס זאָל זיך מאַכן: יאַנטוך דער דראָזשקאָזש. ער איז געזעסן אויף דער קעלניע און געדרעמלט מיט אַן אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ צווישן די שפּיצן קאָלנער פון זיין אויס־געקראָכענעם בורנוס. דאָס פערד זיינס איז אויך געווען אויס־געקראָכן.

פונקט ווי דער בעל־הבית, איז אויך די בהמה געשטאַנען צווישן די האָלאָבליעס מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געדזשאָמ־דזשעט פערדישע מחשבות וועגן פּאַראַיאַריקן האָבער. יאַנטוך דער דראָזשקאָזש האָט דאָ געהאַט זיין סטאַנציע, ניט אויף די ליכטיקע גאַסן לעבן קאַטעדראַל־פּלאַץ. ער האָט ניט געקאָנט קאָנקורירן מיט די יינגערע דראָזשקאָזשעס, וועלכע זענען אַרויסגעפּאָרן אין שטאָט מיט אמתע אויטאָרעדער, ווייך און גלאַנציק. זיין צעשפּרונגענע דראָזשקע אויף די דאַרע רעדער, באַצויגן מיט האַרטן קאַוטשוק, האָט זיך באַלד געהאַלטן ביים צעשיטן. האָט יאַנטוך געוואָלט צוציען דאָס שטיקל ברויט אויף קאַלעיאָווע, אַזוי לאַנג ווי ס'וועט זיך לאָזן.

אויף דער גאַנצער גאַס האָבן געאָטעמט דריי באַשעפענישן: לייקע, יאַנטוך און דאָס פערד. אַ דין רעגנדל האָט געפּיקט מיט שאַרפע וואַסער־שנעבלער. טאָמער האָט לייקע פריער געקאָנט אויסרעדן אַ וואָרט צו דעם אַלטן דראָזשקאָזש, ס'זאָל זיין אַ ביסל היימישער, האָט זי איצטער זיך געמוזט אַרונטערשטעלן אונטער אַ גזימס, דער בייטל אירער זאָל ניט ווערן צעווייקט. דער בייטל איז

געווען איר שילד. נאָך דעם וויגן אים אַהין און צוריק, ווי ביים פונאַנדערהייצן אַ פּרעסאייזן, האָט אַ קונד פאַרשטאַנען אַז ער האָט ניט קיין טעות.

דער פריהאַרבסט האָט איינגעוויקלט דעם פרייטיק־צו־נאַכטס אין אַ דינעם נעפּל, דורך וועלכן די דראַבנע רעגן־טראָפּנס האָבן זיך געפּערלט אין דעם קאַרגן ליכט פון דעם איינציקן גאַס־לאַמטערן. ס'האָט זיך געשניטן אַ וועטער וואָס טרייבט אַהיים. קיין מוטער־מענטש איז ניט אַדורך די גאַס.

אַ ווייטער פייף פון אַ לאָקאָמאָטיוו האָט דערמאָנט, אַז עס לעבט נאָך אַ דרויסן אויף דער וועלט. לייקע האָט שוין געוואָלט גיין אַהיים, אויף שקאָפּלערנע. זי האָט אויך יאַנטוכן געהאַט בדעה צו געבן די זעלביקע עצה, אפשר וועט ער זי פאָלגן און זי מיטנעמען עטלעכע גאַסן, וועט זיין קירצער דער וועג איבער דעם נאַסן ברוק. יאַנטוך האָט געוווינט אין דער זעלביקער געגנט.

ווי געפּלעפּט איז אָבער לייקע געוואָרן, ווען זי האָט דערזען לעבן דער דראָזשקע אַ מאַן אין אַ הוט מיט ברייטע ראַנדן איבער די אויגן, אין אַ לאַנגן, שוואַרצן, רעגן־מאַנטל, מיט אַ קליין רענצל אין האַנט, ניט גרעסער ווי אַ טלית־זעקל.

זי האָט גאַרניט געהאַט באַמערקט פון וואַנען ער האָט זיך דאָ גענומען. אַזוי ווי דער נעפּל וואָלט אים געבוירן. אַפילו יאַנטוכס פערד האָט זיך צעפּלאָשעט, זיך גערוקט אויף צוריק. דער מאַן האָט אַן ווייטערדיקע שהיות געפרעגט לייקען צי זי גייט אַהיים. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו דעם דראָזשקאַזש, אָבער דער מאַן האָט איר באַלד געמאָלדן אַז שבת פאָרט ער ניט.

דער רעגן האָט זיך פּלוצעם אָפּגעשטעלט. לייקע פאָרויס, דער גאַסט אַ פּאָר טריט הינטער איר — האָבן זיי ביידע געשפּאַנט דורך דער לידיקער גאַס צו שקאָפּלערנע צו.

די מאַמע האָט איר נאָך מיט יאָרן צוריק געהאַט אָנגעזאָגט, אַז פרייטיק־צו־נאַכטס זאָל זי אָנצינדן ליכט. ס'איז שיין פאַר גאָט און וווּל פאַר די געסט. האָט זיך לייקע טאָקע אַזוי געפירט. ווען זיי זענען אָנגעקומען אין איר קאַמער, האָבן נאָך די שבת־ליכט אין

די מעשענע ירושה-לייכטער שימערירט. דער גאַסט האָט אויסגעטאָן דעם רעגן-מאַנטל און געפרעגט צי ס'איז פאַראַן אַ חלה אין שטוב. די שאלה האָט לייקען אַזוי פּריטשמעליעט, אַז אין דער ערשטער רגע האָט זי געמיינט: זי הערט ניט גוט. צו וואָס באַדאַרף אַ גאַסט אַ חלה? אפשר איז ער אַ משוגענער? לייקע האָט מורא געהאַט פאַר אַזעלכע. אָבער יענער האָט ניט אויסגעזען אַזוי. זיינע קאַרע אויגן האָבן רויִק געקוקט אויף איר. זיין געדיכטע, שוואַרצע באָרד האָט אויך אַרויסגערופן צוטרוי. האָט זי אָן איבערצופרעגן אַרויפ־געלייגט אַ חלה אויפן טיש און פאַרדעקט מיט אַ טישטעכל. דער גאַסט האָט אַרויסגעצויגן פון רעגן-מאַנטל אַ פלעשל ווייַן, אָנגעגאָסן אַ גלאָז, געמאַכט קידוש און צוגעטראָגן דאָס גלאָז צו לייקעס ליפּן. זי האָט געגעבן איין שלוק, אָבער דער קאָפּ האָט זיך איר פאַרדרייט ווי פון אַ גאַנצער פלאַש.

ווי אויף זיינעם אַ ווונק האָט זי אַרויפגעשטעלט אויפן טיש דעם טעלער מיט די פישקניידלער, וואָס זי האָט נאָך ביי טאָג אָפּגעקאָכט. די עלנטע קאַמער האָט זיך אָנגעפילט פון וואָנט צו וואַנט מיט שבת. און ווען דער גאַסט האָט זיך פונאַנדערגעזונגען, האָט לייקע די שוואַרצע זיך דערפילט אויסגעטאָן פון איר הויט, בלויז אָנגעזאַפּט דאָס גאַנצע האַרץ מיט אַ שווימיקער פרייד. און נאָכן בענטשן, ווען ער האָט מיט אַ שמייכל אַרויסגעשעפּטשעט אַז ער מיינט דאָ צו נעכטיקן, איז איר ניט דורכגעגאַנגען דורכן מויל דער צוגעוווינטער זאָג, אַז נעכטיקן האָט אַן אַנדער סטאַנוקע. זי האָט מיט וואַקלענדיקע פיס זיך אויפגעשטעלט און אַוועק פאַר־שפּרייטן אַ פרישן ליילעך.

זיין לייב האָט געשמעקט מיט יאַדלע. אַ בגילופינדיקייט האָט פאַרוויגט אירע חושים און זי איז אַוועקגעשוווּמען אין אַ יונג־מיידלשן תענוג, אַ לאַנג פאַרגעסענעם.

לייקע איז געשלאָפן לאַנג. ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט אין שפּעטן פרימאָרגן, איז דער גאַסט ניט געווען. אַפילו דאָס פלעשל ווייַן איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. בלויז אויפן שטול איז געלעגן אַ ווייסער קאָנווערט. זי האָט אים אויפגעעפנט און געפונען אַן אויס־

געגלעטן באַנקנאָט. ס׳געלט האָט זי אין גאַנצן ניט געפרייט, באַדיי וואָלט ער גאָרניט איבערגעלאָזט. זי האָט פאַרשטופּט דעם קאָנווערט הינטערן קישן און אָפּגעזיפצט: אַרום און אַרום, וואָס בין איך פאַר אים?

✶

דריי זאַכן האָט ווילנע פאַרמאָגט, וואָס זענען ניט בנימצא געווען אין דער גאַנצער וועלט: אַ פּאָליציאַנט מיט אַ באָרד, אַ פויער אין שטיבילעטן אויף די לאַפּטשעס און אַ סטרוזש אין פענסנע. אָבער אַ גאַסנפּרוי מיט אַ בויך איז פאַר ווילנע אויך געווען אַ חידוש. לייקע האָט געטראָגן. דערווייל האָט זי געלעבט פון דעם געלט וואָס דער פרייטיק־צו־נאַכטיקער גאַסט האָט איבער־געלאָזט. טאַקע פון אים האָט זי געטראָגן. זי האָט דאָס געוווסט גענוי, ווייל נאָך אים האָט זי אויפגעגעבן די נאַכטיקע פרנסה. יענער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך ניט בלויז דעם קאָנווערט, נאָר אויך אַ ריינקייט אַזאַ, אין וועלכער לייקע האָט זיך פאַרפּלאָנטערט ווי אין אַ דינעם אויסגעחלומטן געוועב, וואָס איז אַ שאָד צו צערייסן. און זי האָט עס גאָרניט געוואָלט צעררייסן. זי האָט געוואָלט דאָרטן זיך פּלאָנטערן און פּלאָנטערן.

זי איז געזעסן אין די נעכט ביים טישל ווו יענער האָט געמאַכט קידוש, אויפגעשאַרט מיט דעם ווייזפינגער ברעקלעך ברויט, און ווידער אַ מאָל איבערגעגאַנגען אין די מחשבות איטלעכן פּרט פון אָפּשטעלן זיך מיט יענעם אויסטערלישן גאַסט, וואָס האָט געבעטן אַ חלה. אָט איז ער אַריבער די שוועל און אין איין רגע איז ער געוואָרן אַ היימישער. שוין האָט ער זיך געוואַשן די הענט און שוין איז ער געזעסן ביים טיש און גערעדט מיט איר, ווי זי וואָלט געווען זיין ווייב, אַפילו זי גערופן לאהינקע.

פון די זיסע זכרונות ווערט איר אַזוי לייכט, אַז לייקע פאַרגעסט איר מעמד און גלעט דעם אָנגעפּוישטן בויך, ווי דאָרטן וואָלט געלעגן איר גרויסער אָפּשפּאָר. דערנאָך אָבער קומט אַ ביטערע מחשבה: און וואָס ווייטער?

לייקע באַשליסט: מאָרגן וועט זי גיין צו טאַמאַרע די הויכע

יענע וועט איר זיכער זאָגן וואָס ווייטער. ס'איז ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס יענע העלפט איר אין אַ נויט.

✶

לייקע האָט געטראָפן טאַמאַרען לעבן שחיטה־שטיבל אויף קרופּניטשע. זי איז געזעסן האַרט לעבן דער טיר און מיט בלוט־איינגעשמירטע פינגער געפּליקט אַ ווייסע הון. איידער לייקע האָט באַוויזן צוגיין נענטער, האָט שוין טאַמאַרע אוועקגעוואָרפן דאָס עוף פון שויס און זיך גענומען צו אַן אַנדער קרבן אויסטאָן פון זיין פעדער־מאַנטל.

טאַמאַרע האָט די אויגן ניט געגלייבט: לייקע גאָר, און מיט אַ בויך. די לעצטע פּאָר יאָר האָבן זיי זיך זעלטן געזען, אָבער די חברשאַפט איז דערפון ניט קאַליע געוואָרן. טאַמאַרע האָט אָפּגע־שאָקלט דעם פוך פון פאַרטעך, זיך אויפגעשטעלט אין איר גאַנצער הייך, וואָס אַפילו די יאָרן האָבן זי ניט פאַרקירצט, און אויסגערופן:

— לייקע, אַ בראָך דעם יאָלד! ווי האָסטו זיך דאָס געלאָזט?..

לייקע איז געשטאַנען פאַר דער חברטע ווי אַ פאַרמישפטע, געקניפּלט די פרענדזלעך פונעם קאָפּטיכל און געשטאַמלט:

— איכ'ל דיר אַלץ דערציילן...

— וואָס האָסטו מיר צו דערציילן — האָט זיך טאַמאַרע אויפגערעגט — מע זעט דען ניט? אַזוי פיל יאָרן אין גאַס, האָסטו זיך געלאָזט אַנציען ווי אַ וויטישע קורטשענטע.

— טאַמאַרע, ס'איז ניט געווען אַזוי.

— וואָס הייסט ס'איז ניט געווען? און דער בויך איז גאָרניט? פאַר וואָס ביסטו גלייך ניט געקומען, וואָלט מען געזוכט אָפּצוטרייבן.

— כ'האָב ניט געוואָלט אָפּטרייבן.

דאָ איז שוין טאַמאַרע אַרויס פון די כלים. זי האָט זיך צעשריען אויף דער גאַנצער גאַס:

— טאַ נאָך וואָס ביסטו געקומען? איך זאָל דאָס אָפּנעמען? דאָ איז אַ שחיטה־שטיבל, דאָ ליגט מען ניט אין קימפּעט!

ליקע האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין, האָט זי טאַמאַרע אָנגעכאַפּט פאַר אַ האַנט:

— לויף ניט, לאָמיר איבערטראַכטן וואָס צו טאָן.

טאַמאַרע האָט איבערגעטראַכט און געקומען צום אויספיר, אַז די בעסטע זאַך וועט זיין: אַריבערגיין צו דאָקטער יעקב ווינאַדסקי. ערשטנס, איז דאָקטער ווינאַדסקי אַן אָקושער־דאָקטער; צווייטנס, העלפט ער אַלע אָרעמע ווייבער אין שטאָט, אי די טראַגעדיקע אי די פּרנסה־געבערקעס, וואָס מע לאָזט זיי ניט שטיין מיט די קאַשיקעס האַנדלען אויפן האַלצמאַרק. די טראַגעדיקע האָט ער געגעבן געהעריקע עצות און פאַר די ווייבער מיט די קאַשיקעס האָט ער אָפּגעקלאַפּט די טירן אין מאַגיסטראַט, מע זאָל זיי ניט מאַכן קיין צרות און לאָזן פאַרקויפן דעם דרויב.

דעם אמת געזאָגט, האָט דאָקטער ווינאַדסקי זיך מער פאַרנומען מיט קהלשע זאַכן ווי מיט ווייבער וואָס קינדלען. אָבער ווען טאַמאַרע האָט אַריינגעפירט ליקען צו אים אין קאַבינעט, האָט ער אַוועקגעוואָרפן שרייבן אַ וויכטיקע בקשה קיין וואַרשע, אין סיים, און אָנגעטאָן דעם ווייסן כאַלאַט.

פון אים האָט זיך טאַמאַרע דערוווּסט: ליקע איז שוין אין פינפטן חודש און אַלץ גייט ביי איר ווי ס׳דאַרף צו זיין. מע ווייס בלויז ניט צי ס׳איז אַ יינגל אָדער אַ מיידל, אָבער אַזוי צי אַזוי איז גוט. זאָל מען עס זאָגן דעם טאַטן.

טאַמאַרע האָט זיך איבערגעקוקט מיט ליקען, הייס באַדאַנקט דעם דאָקטער, ער זאָל זיין געזונט און מע זאָל אים ניט באַדאַרפן, און ביידע האָבן זיך אַרויסגעשאַרט דורך דער ברייטער טיר. פון באַצאָלן האָט דאָקטער ווינאַדסקי ניט געהאַלטן. האָט ער ביידע באַגלייט ביז צו דער טיר און זיך צוריקגעזעצט צו זיינע פּאַפּירן.

אויפן וועג צוריק צום שחיטה־שטיבל האָט שוין טאַמאַרע גערעדט רויִקער:

— האָסט פאַרגעסן דיין שטאַנד. אַ מיידל פון פאַר קאָן ניט טאָן וואָס אַ וויטיש ווייבל, מיט אַ היים, אַ מאַן.

ליקע האָט געשטיקט אין זיך אַ טרער:

— ווי נאָר ער איז אַריין אין קאַמער, איז ער געווען ווי מיין מאַן.

— דיינע פאַנטאַזיעס. דאָס איז גוט אין אַ בוך. אַ גאַסט איז אַ גאַסט.

— אָבער ער איז ניט געווען קיין גאַסט.

דאָ האָט שוין טאַמאַרע ווידער ניט אויסגעהאַלטן און זיך צעשריען:

— טאָ ווער איז ער געווען, אליהו הנביא?

לייקע האָט אַ רגע געשוויגן און דערנאָך זיך אָפּגערופן:

— אפשר טאַקע?...

טאַמאַרע האָט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ. זי האָט קוים אויס־געשעפּטשעט:

— האָסט פאַרגעסן ווער דו ביסט?

— ניין, כ'האָב ניט פאַרגעסן. כ'ווייס אָבער ווער כ'בין געווען יענעם פרייטיק־צונאַכטס. כ'בין געווען ניט די וואָס איך בין.

דאָקטער וויגאָדסקי האָט געשיקט זיינע אַ באַקאַנטע אַקושערקע אָפּנעמען ביי לייקען דאָס קינד. טאַמאַרע, כאָטש זי איז געווען אין כּעס אויף איר חברטע פאַרן אַריינדרייען זיך אין אַזאַ מעשה, האָט געלייגט דאָס לעבן פאַר איר. געלאָפן אַלע געננ. לייקע איז געלעגן אין הילעערנעם בעט און טאַמאַרע האָט געקאָכט טעפּ מיט וואַסער. לייקע האָט רעכט ניט באַוויזן צו קרעכצן און שוין האָט זיך דערהערט דאָס קול פון דעם ניי־געבוירענעם. ס'איז אַרויס אַ יינגל.

דער גרויער טינק אויף די ווענט פון לייקעס קאַמער האָט געזשמורעט מיט צענדליקער שפּאַלטן צו דער זון אין דרויסן. דאָס פענצטער וואָס אַ גאַנצן ווינטער איז אַ העלפט געווען פאַרשטעלט מיט קאַרטאָן, מחמת דער צעבראָכענער שויב, איז איצט געווען ברייט צעעפנט. דער חודש מיי האָט אָנגעטאָן מיט צוויט און בליעכץ די ביימער פון בערנאַרדינער גאָרטן ביזן לעצטן בוים אויף שקאַפּלערנע. טאַמאַרע האָט אָפּגעריסן עטלעכע צווייגלעך פון אַזאַ צעבליטן בוים און זיי אַריינגעטאָן אין אַ קענדל מיט וואַסער, ווי מע טוט עס ביי לייטן פאַר אַ קימפעטאָרין.

דריי קעפּ האָבן זיך אַראָפּגעבויגן נענטער צו באַקוקן לייקעס פּרוכט: די הייבאַם, טאַמאַרע און יאַנטוך דער דראָזשקאָזש. יאַנטוך איז שעהען־לאַנג געשטאַנען מיט זיין דראָזשקע אין דרויסן, גרייט, טאַמער געשעט עפּעס און מען דאַרף לייקען פירן אין שפּיטאָל אויף הקדש־גאַס. דאָס האָט טאַמאַרע אַלץ פאַרטראַכט. און דער אַלטער דראָזשקאָזש, לייקעס שותף אויף דער גאַס, האָט קיין וואָרט ניט איבערגעפרעגט און תיכּף געקומען מיטן פערד.

אַלע דריי האָבן גלייך באַשלאָסן, אַז דאָס קינד איז אַ שיינקייט אין דער וועלט און האָט אַ ליכטיקע צורה. יאַנטוך האָט צופרידן פאַרגלעט די גרויע וואָנצעס. ס׳האָט זיך אים פאַרבענקט נאָך אַ טרונק בראָנפן. טאַמאַרע, ווי זי וואָלט געלייענט זיינע געדאַנקען, האָט אים פאַרזיכערט, אַז אויפן ברית וועט אַ ליטער בראָנפן אויסזען ווי אַ פינגערהוט.

און אַזוי איז געווען. איצקע דער געלער האָט זיך געלאָזט איבערבעטן. שלימקע פייסקעס, זאָמעלע פון טשיינע, און אַפילו טאָוושע דער מלאך זענען ניט אָפּגעשטאַנען. מ׳האָט געפּראַוועט אַ ברית ווי ביי פאַרמעגלעכע בעלי־בתים.

דער נאָמען פונעם קינד, האָט זיך לייקע איינגעשפּאַרט, זאָל זיין אליהו.

לייקע די שוואַרצע איז אַוועק פון שקאָפּלערנע. זי האָט געדונגען אַ צימערל הינטערן האַלצמאַרק, נענטער צו דעם שחיטה־שטיבל. טאַמאַרע האָט אויסגעפּועלט פאַר איר אַן אָרט ווי אַ פליקערקע. זיצן זיי, ביידע חברטעס, און פאַרען זיך ביי די עופות. איצקע דער געלער האָט געוואָלט לייקע זאָל צוריקקומען אין קנייפּע, אָבער זי איז ניט געגאַנגען. פאַרן קינד, האָט זי געזאָגט, וועט זי שלעפּן קלעצער, און זאָל מען איר ניט דערמאָנען די אַמאָליקע פּרנסה.

לייקע פליקט אַ גאַנדז, רונד און ווייס ווי אַ קוליע שניי. ביי אירע פיס שפּילט זיך דאָס קינד מיט די צעשאָטענע פעדערן. ס׳וואַרפט זיי אין דער הייך, וויל זיי זאָלן פליען. די פעדערן פאַלן צוריק, פאָלגן ניט די קינדערשע הענטלער.

לייקע לייגט אַוועק די גאַנדז, גיט אַ כאַפּ דאָס קינד, הייבט עס אין דער הייך און שעפּטשעט:

— פּלי מיין קינד, מיין עלינקע, פלי ווייט, ווייט, זוך דיין טאַטן...

עלינקע לאַכט, האָט הנאה, און לייקע שטראַלט מיט אַ פרייד וואָס איז ניט איטלעכן באַשערט.

צאַלקע דער פרייער

צאַלקע דער פרייער

דער טאָג האָט ביי צאַלקען זיך אָנגעהויבן מיט ביליאַרד. ביי נאַכט האָט ער געשפּילט אין קאָרטן. די איבעריקע צייט איז אים אַוועק אין טרינקען דאָ און דאָרטן אַ גלעזל מיט גוטע־ברידער. ער ער איז געווען פריי פון דאגות־פרנסה — אַ מומע פון אַמעריקע האָט אים געשיקט כמעט איטלעכן חודש צען־פופצן דאָלאַר, מיט אַן אָנזאָג ער זאָל ניט זיין קיין אויסבערענגער, און צאַלקע האָט גערעקט מיט זיי אַלע שפּילטישן, ווו נאָר אַ קנייפּע. געווונען האָט ער זעלטן און קיין פאַרברענטער אַזאַרטניק איז ער אויך ניט געווען. אים איז געגאַנגען אין דער שפּיל גופא. און ניט אַזוי די שפּיל, ווי זיין אינעווייניק, צווישן די גרויסע אין פּאַר, וואָס לעבן פון קיבעצן, פון ווערן זיך אויף אַ שפּילער, אָדער פון אַ שותפות אין אַ פּאָקער. ס'האָט אים, צאַלקען, ניט געאַרט דאָס פאַרשפּילן דער מומעס גאָב, אַבי זיך צו רייבן לעבן די שטאַרקע. ער האָט געחלשט צו זיין איינער פון זיי.

צאַלקע איז אויפגעוואַקסן אַ קיילעכדיקער יתום. די מאַמע זיינע, האָט מען דערציילט, איז געווען אַ דראָטן־גייערקע, דער טאַטע האָט צוגעקלאַפּט מיטן פּייקל און אויפגענומען די מטבעות. אַזוי האָבן זיי געוואַנדערט פון מאַרק צו מאַרק, ביז זיי האָבן אָנגעשפּאַרט אין איסטאַמבול. דאָרטן האָט אַ סולטאַן פאַרכאַפּט די מאַמע אין אַ האַרעם און דער טאַטע איז סתם פאַרפאַלן געוואָרן.

קיין ווילנע האָט צאַלקען געבראַכט קוסעלע דער פייער־שלינגער, וואָס איז אַ שטיק צייט געפאָרן מיט זיינע אויפטריטן אויפן זעלביקן וועג. דאָס אַלץ איז פאַרגעקומען נאָך אין די צייטן פון צאַר און איז אין גאַנצן פאַרגעסן געוואָרן. דאָס איינציקע וואָס

ווילנע האָט געוווּסט וועגן צאַלקען האָט געהאַט אַ שייכות צו דער אַמעריקאַנער מומע און די פּאָר דאָלאַר.

צאַלקע איז געווען אַ פּרייער. מ׳האָט אים געשלעפּט אויף כּל־מיני משא־מתנס, כּדי אַרויסצובאַקומען פון אים דער מומעס גאָב. אים האָט געצויגן צו פּראָפּעסיעס מיט אַ ראַזמאַך. אָט כאַפּט ער אונטער אַ וואָרט וועגן אַ ביסל זילבערוואַרג, צי וועגן געשמוכלטן טאַבאַק פון דער ליטע און אים גייט אויס דאָס חיות צו זיין אין מיטן. דערווײַלע ציט מען אים אָן אויף איין שפּיל און אויף אַ צווייטער, ביז ער לאָזט איבער דעם לעצטן גראָשן. די מומע וועט שיקן נייע . . .

✶

צאַלקע איז געשטאַנען בײַם טויער, אויסגעפּוצט נאָך דער לעצטער מאָדע. ער האָט פאַרזשמורעט די אויגן צו דער זון און געמאַכט פּלענער אין וועלכער קנייפּע אָפּצושטאַטן דעם ערשטן מאָרגן־וויזיט. ער האָט אַרײַנגעאָטעמט אין זיך די ליבע וואַרעמקייט און הנאה געהאַט פון זיך און פון דער שיינער וועלט מיט די קאַשטאַנביימער און די בלומען אַרום די ווענט פון פּראַוואָסלאַוונעם סאָבאָר. ס׳האָט אים געפעלט בלויז אַן אייגענע קאָמפּאַניע און אַ גלעזל בראַנפן.

אַלץ האָט אים אויסגעזען גלאַט, אָן אַ קנייטש. נעבטן איז ער געווען אַ פּערטער צו אַ פּאָקער מיט ווערדיקע פּאַרטנערן: מלך דער חכם, יאַנקל אַנגלעניק און הירשל ראַספּוטין.

ער האָט שוין געוואָלט אַראָפּציען דעם ראַנד פון קאַפּעליוש טיפער איבער די אויגן און זיך לאָזן אין וועג צו מייזלס ביליאַר־דאָווע, איז צוגעקומען צו אים דער פּאָטשטאַליאָן און אים איבער־געגעבן אַ בריוו. איז ער אַרויף צוריק אין זיין קאַמער, וואָס ער האָט געהאַט געדונגען בײַ טאָוושעס רויטהאָריקער שוויגער, אויס־געטאָן דעם קאַפּעליוש און גענומען לייענען דעם בריוו.

דאָס גאַנצע ליכט וואָס ער האָט געהאַט אײַנגעזאַפּט פון דעם

לויטערן הימל האָט זיך פאַרלאָשן אין קאָמער. צאַלקען איז פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. ער האָט צוויי מאָל איבערגעלייענט דעם בריוו, אפשר אַ טעות, אָבער קיין אות האָט זיך דאָרטן ניט געביטן. דער בריוו איז געווען פון דער מומע און האָט זיך געלייענט אַזוי:

צו מיין טייערן פלימעניק צאַלע. מע האָט מיר דערציילט דיינע גענג, וואָלט שוין בעסער געווען דו זאָלסט דאַרפן אַ קוליע. די גאַנצע שטאָט איז פול מיט דיר. אָדער דו שפּילסט אָדער דו טרינקסט. מיין שוועסטער, נעבעך, דרייט זיך אין קבר. האָבן מיר באַשלאָסן דיך חתונה צו מאַכן און ברענגען קיין אַמעריקע. אין ווילנע איז פאַראַן אַ מיידל, הינדע הייסט זי, זי דינט ביי לאַזבען פון די פוטער אויף יאַטקעווער גאַס. אירע קרובים זענען שותפים צו אונדזערע ביזנעס. זיי האָבן איר שוין לאַנג געוואָלט אַראָפּ־נעמען, האָט זי זיך אַרויסגעדרייט. פאַר וואָס ווייס איך ניט. זיין אַ דינסט ביי יענעם איז בעסער? האָבן מיר אָפּגעמאַכט אַז איר ביידע זאָלט קומען צוזאַמען ווי מאַן און ווייב און אַריינגיין אין די ביזנעס. די לאָנדרי איז טאַקע אַ גוטע ביזנעס, אָבער מיר האָבן שוין ניט מער קיין כוח צו שלעפּן די קערב מיט וועש. מיר האָבן געשיקט צום שמש גאָרדאָן פינף הונדערט דאָלאַר. נאָכן שטעלן די חופה וועט ער דאָס אייך איבערגעבן. דאָס וועט זיין אויף הוצאות. די חודשדיקע — וועסטו ניט מער באַקומען. זאָלט איר מאַכן פּעסער און פאָרן.

בעט איך דיר מיין זיסער פלימעניק, זאָלסט טאָן וואָס מע דאַרף און מע זאָל זיך זען אין אַ גוטער שעה, ווי עס ווינטשט אייך ביידן

דיין פעטער מיט דער מומע

צאַלקע איז געווען אויסער זיך. וועגן אַלץ האָט ער געטראַכט, נאָר ניט וועגן חתונה האָבן. יאַנקל אַנגלעניק וויל אים נעמען צום ליטווישן גרענעץ, העלפן ביי אַ וואָגן סחורה. מלך דער חכם האָט אויך שוין געזאָגט, אַז מע דאַרף צאַלקען אונטעררוקן אַ שטיקל מיסחר. פּלוצעם אַ בריוו מיט אַן אָנצוהערעניש אויף שלעפּן קערב מיט וועש. דאָ, אין ווילנע, איז ער, ווי מע זאָגט, אַ בחור מיט

שטיבילעטן, און דאָרטן וועט ער דאַרפֿן טאָפּטשען אין זייפּוואַסער.

איז ער אַוועק זוכן אַן עצה ביי מלך דעם חכם, וואָס ווען ניט די קאָרטן, וואָלט ער געקאָנט זיין אַן אַדוואָקאַט. מלך איז אַדורך דעם בריוו ווי געטראָטן איבער צעבראָכענע בירפֿלעשער. די ערשטע זאַך האָט ער געראָטן, גיין אָנקוקן הינדען. דערנאָך שטעלן אַ חופּה. דערנאָך פֿאַרקוועטשן די דאָלאַרן, און דערנאָך וועט מען זען. דער עיקר זאָל דאָס געלט זיין ביי אים, ביי צאַלקען. מ׳עט פֿאַרדרייען אַ גרויסע שפּיל מיט די בורילעס, די סאַדאָווניקעס פֿון גרויס־סאָלעטשניק, און פֿאַרטאָפּלען דעם קאַפּיטאַל. מ׳עט גיין אויפֿן פּאָלנעם זיכער, ווייל יאַנקל אַנגלעניק האָט שוין צוגעגרייט עטלעכע טאַליעס קאָרטן, צוגעשניטענע. אויף צאַלקעס שאלה, וואָס וועט זיין מיטן ווייבל, מיט הינדען, האָט מלך געענטפֿערט, אַז דאָס איז די לעצטע דאגה.

✶

פֿרייטיק צו נאַכטס האָט זיך צאַלקע געטראָפֿן מיט דער כּלה. אַ טאָג פֿריער איז ער אַדורך עטלעכע מאָל לאַזובעס קראָם און געכאַפּט אַ קוק אויף הינדען, ווי זי פּאָרעט זיך הינטער דער ליאַדע, שניידט קעז, וועגט שטיקלעך פּוטער און שמייכלט ליב צו די מאַדאַמען. אין איר ווייסן כאַלאַט האָט זי אויסגעזען ווי אַ דאָקטער.

ער איז אַריין דורך דער אָפֿענער טיר און געבעטן צען דעקאַ האַרטן קעז. ביים באַצאָלן האָט ער זיך פֿאַרגעשטעלט און אָפּגערעדט מיט איר אַ ראַנדעוווּ פֿרייטיק צו נאַכטס, אונטערן זייגער, אויפֿן ראָג רודניצקער און דייטשע־גאַס.

גייענדיק מיטן פּעקל קעז אין האַנט, האָט ער אַ ווײַלע פֿאַרגעסן זיינע צרות. הינדע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ גאַנץ לייטיש מיידל, אַ צעשמייכלטע, מיט אַ פּנים ניט פֿאַרשעמט צו ווערן. דערנאָך איז ער געזעסן ביי מייזלען אין ביליאַרדאָווע, געגראַבלט מיט די פֿינגער ברעקלעך קעז און זיך שטאַרק פֿאַרטראַכט.

דער ראַנדעוווּ פֿרייטיק צו נאַכטס, האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ קינאָ. דער שמועס דערנאָך, אויפֿן גאַס, האָט זיך עפּעס ניט געקלעפּט. הינדע האָט געוווּסט וועגן וואָס עס גייט. זי האָט אויך

באַקומען אַ בריוו פון אירע קרובים. אָבער צאַלקע האָט אין איר ניט געפילט קיין פרייד צו דעם גאַנצן עסק. ס'האָט אים פאַרדראָסן אַזאַ קבלת־פנים, ס'האָט אָנגערירט זיין האָנאָר.

— פאַרשטייט זיך, ס'איז אַ גערעדטער שידוך — האָט ער זיך אָנגערופן — די ברירה איז ביי יעדערן אין האַנט.

— אַוודאי — האָט זי אונטערגעכאַפּט — עפּעס אַלץ אַזוי מאָדנע. ניט מיר און ניט דיר און מיר זענען חתן־כלה. און בכלל דער גאַנצער פּאָרן...

צאַלקע האָט איר דערציילט ווי די מומע האָט אים געלאָזט אויפן וואַסער צוליב אַ מסירה:

— ווילנע האָט לאַנגע צונגען. עמעץ האָט אונטערגעטראָגן אין ניו־יאָרק, אַז איך... אַז מיין פּאַך איז אַ ספּאָרטאַווער. ניט קיין פוטבאָל, אָבער מע שפּילט.

— איך ווייס. איך ווייס.

— איר ווייסט? פאַרשטייט איך שוין פאַר וואָס איר טאַנצט ניט פאַר גליק.

— ניין בצלאל, ניט דאָס. דער אמת איז, אַז איך וויל אַרויס פון ווילנע, דערפאַר גיי איך אויפן שידוך.

צאַלקע האָט זיך זייער געוווּנדערט:

— מילא איך... די מומע האָט מיך געלאָזט גאָלע, מוז איך פּאָלגן, אָבער איר?

— זאָג מיר — דו.

— אָבער דו שטייסט ביי לאַזבען אין קראָם ווי אַ גראַפיניע, מיט אַלע גוטיקייטן...

— ס'עט קומען די צייט וועל איך אַלץ דערציילן.

— וואָס האָסטו צו דערציילן? גלייב מיר אַז ביי לאַזבען פון די פוטער איז בעסער ווי אין אַמעריקע ביי די שוואַרצע גרעט.

— איך מוז אַוועק פון ווילנע, מיך אַרט ניט וווהין.

— וועט מען פאָלגן די קרובים — האָט צאַלקע פאַרענדיקט דעם שמועס — דערנאָך וועט מען זען. און אפשר זענען מיר טאַקע אַ פּאָר, ווער ווייס?

הינדע האָט אים אָנגעקוקט ביי דער מילכיקער שיין פון די עלעקטרע־ליכטער און ניט געענטפערט.

*

אַזוי ווי ס׳איז געווען צווישן פּסח און שבועות, ספירה־צייט, האָט דער אויבער־שמש פון דער גרויסער שול, ר׳ חיים גאָרדאָן, געזאָגט, מע זאָל די חופה אַריינכאַפּן ל״ג־בעומר. מלך דער חכם האָט די ידיעה גלייך צעטראָגן איבער אַלע קנייפּעס.

דערווייַלע איז ניט געווען קיין איין אָוונט צאַלקע זאָל זיך ניט טרעפן מיט זיין כלה. זיי זענען שוין אויסגעווען אַלע קינאָס און יידישע טעאַטערס, אין טעליאַטניק, אָדער סתם געגאַנגען פון מיצקעוויטש־גאַס ביז זאַמקאָווע, און פון דאָרטן צוריק אַהיים דורך גיטקע־טויבעס זאַווולק.

הינדע האָט צאַלקען דערציילט וועגן קלוב הפועל, אויף דייטשע־גאַס, וווּ מע מאַכט גימנאַסטיק און מע זינגט לידער אויף עברית. זי גייט דאָרטן שוין גוטע עטלעכע יאָר. עס קומען אַהין פיינע בחורים און מיידלעך. אַלע ווילן זיי פאָרן קיין ארץ־ישראל.

אין די פּאָר וואָכן וואָס זיי זענען געגאַנגען צוזאַמען, האָט זיך צאַלקע צוגעוווינט צו דער מחשבה: ער וועט חתונה האָבן און זיי וועלן פאָרן קיין אַמעריקע. הינדע איז אַ געראָטענע, וועלן זיי זיך דאָרטן צו עפּעס דערשלאָגן, ניט דווקא ביי דער מומע אין וועשעריי. מע וועט ניט פאַרפאַלן ווערן. די ערשטע וואָך איז ער געגאַנגען זיך טרעפן מיט איר, ווייל מע דאַרף. דערנאָך האָט ער זיך שוין געאיילט צו איר, ווייל ס׳האָט אים געצויגן. זי איז אים געפעלן געוואָרן ביז גאָר. ס׳האָט אים בלויז געשטערט וואָס זי רעדט צו פיל וועגן ארץ־ישראל, ווייס וואָס דאָרטן טוט זיך, ווי זי וואָלט עס געזען פאַר די אויגן. וועגן אַמעריקע האָט זי גאָרניט דערמאָנט.

לעת־עתה האָט ער פאַרוואָרפן די שנעפּסלעך און די קאָרטן. פון אַ זייגער זעקס אין אָוונט איז ער געשטאַנען און געוואַרט אויף הינדען. אין די לעצטע אָוונטן פאַר דער חופה האָט ער עפּעס

אַנגעהויבן צו שטאַמלען, מיט אַנצוהערעניש, אָבער הינדע האָט געשוויגן.

מלך דער חכם האָט אים געראָטן אַז נאָך דער חופה זאָל ער הינדען אַריינגעמען צו זיך. ניט פטרן קיין געלט אויף אַ דירה. אַלץ־איינס האַלט מען דאָך ביים פאָרן, קאָן מען לעבן צוזאַמען ביי טאָוושעס רויטהאָריקער שוויגער. זי איז גרייט אַרויסצונעמען די שמאַלע סאָפע און אַריינשטעלן אַ ניקלבעט. ער האָט דאָס אַלץ אויסגעשטאַמלט פאַר הינדען, אָבער זי האָט געשוויגן און צאַלקע האָט ניט געוווּסט צי שווייגט זי אויף יאָ צי אויף ניין.

דעם לעצטן טאָג פאַר דער חופה האָט זי געפרוווט אַ פרעג טאָן:

— צאַלע, אפשר וואָלט בעסער געווען מיר זאָלן בלייבן ביזן פאָרן איטלעכער אין זיין ווינקל? ווער איך ניט דאַרפן שלעפּן מיינע זאַכן...

צאַלקע האָט זיך אויפגעקאַכט:

— איך ווייס אַז ביי אונדז איז די גאַנצע מעשה אויפגעדרייט, אָבער איין זאַך זאָלסטו וויסן: ווילנע זאָל מאַכן פון מיר פענדזע — דער נומער וועט ניט דורכגיין! מע דאַרף זיך בלויז דערוויסן, אַז דו ביסט נאָך דער חופה אַוועק צו זיך!..

מער האָט צאַלקען דאָס קול ניט געדינט. ער האָט זיך פאַר־כריפּעט. הינדע האָט געהאַט רחמנות אויף דעם יונגן־מאַן, וואָס האָט ניט געקאָנט אויסבאַהאַלטן זיין פאַרביטערטקייט. זי האָט זיך אויפגעהויבן אויף די שפּיץ פינגער און אים אַרויפגעלייגט אַ לייכטן פייכטלעכן קוש אויף דער רעכטער באַק. דער ערשטער קוש אין זייער באַקאַנטשאַפט. צאַלקע האָט זי געוואָלט צודריקן צו זיך, אָבער זי האָט זיך קונציק אַרויסגעדרייט:

— צאַלע, ניט ביים טויער..

✶

די חופה האָט מען געשטעלט ביי איצקע דעם געלן. ער האָט געהאַט אַ חזקה חתונה צו מאַכן עלנטע נפשות. לאַזבע האָט דווקא

געטענהט אַז די בכורה קומט אים. הינדע האָט דאָך בײַ אים געדינט און ער האָט זי געהאַלטן ווי אַן אייגן קינד, אָבער חברה האָט באַשלאָסן אַז מע ברעכט ניט אַ מינהג.

אַלע קנייפּעס האָבן געבראַכט כּיבוד. ס׳איז געווען פֿון כּל־טוב: פּיסנאָגע, קניידלעך אין זיסן און זויערן, אַ געפּרעגלטע מילץ און אַ מעטער־צען געפּילטע קישקע, וואָס זעליק בעל־טובה האָט צוגעשיקט. צו טרינקען האָט אויך ניט געפֿעלט.

פֿון הינדעס צד זענען געקומען בלויז צוויי חברים פֿון הפּועל. קיין נאָענטע האָט זי ניט געהאַט. די צוויי בחורים זענען געקומען אין שטאַרק וואָכעדיקע הויזן און זיך אַרומגעדרייט מיט לעדערנע פּנימער. זיי האָבן פֿון גאָרנישט ניט פֿאַרזוכט. געטרונקען אַוודאי ניט. נאָר זיך געהאַלטן אין איין שושקען.

נאָכן אָפּזאָגן דעם הרי־אַת און צעטרעשטשען אַ טייגלאָז מיטן רעכטן פוס, האָט ר׳ חיים גאָרדאָן פּייערלעך אונטערגעטראָגן הינדען די כּתובה, מיט זיין שטענדיקן זאָג:

— אָט איז אייער קאָנטראַקט אויף הונדערט און צוואַנציק יאָר!

צאַלקען האָט ער איבערגעגעבן אַ פֿאַרמאַכטן, בייכלדיקן קאָנווערט: די פֿינף הונדערט דאָלאַר אויף הוצאות.

✶

צאַלקע און הינדע זענען געזעסן ווייט איינער פֿון צווייטן אויפֿן ראַנד פֿון ניקלבעט, בײַ אים אין קאַמער, ניט געוווּסט וואָס ווייטער. צאַלקע האָט דווקא יאָ געוווּסט, אָבער הינדע איז געזעסן אַזאַ הילצערנע, אַז ער האָט זיך ניט דערוועגט צוצורוקן נעענטער. זי האָט נאָך אַלץ געטראָגן דאָס קליידל וואָס פֿון אונטער דער חופּה און דעם ווייסן שלייף אויפֿן שפּיץ קאָפּ. צאַלקע האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה: אַראָפּציען די קאַמאַשן, צי נאָך וואַרטן. און אפשר אַרויסגיין פֿון קאַמער און זי לאָזן זיך אויסטאָן.

ווי נאָר ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט און געמאַכט אַ שפּאַן צו

דער טיר, איז זיך הינדע פאַרגאַנגען אין אַ געוויין. צאַלקע האָט זיך אין גאַנצן פאַרלאָרן. ער איז געווען צוגעוווינט צו מיידלעך, וואָס שפּרינגען אין בעט מיט אַ געלעכטער, און דאָ — גאָר אַ געוויין, ניט ווי נאָך דער חופה, נאָר ווי נאָך אַ לוויה.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ קלאָג? — האָט ער זיך צעשריִען מעשה מאַן — וואָס בין איך, דער לעצטער?

— חלילה, צאַלינקע — האָט זי געשטאַמלט צווישן טרערן — ביסט אַ טייערער יונג, אָבער...

— טאָ רייד, לאָמיר ניט שפּילן קיין בלינדן פּאָקער!

הינדע האָט גוט אויסגעשנייצט די נאָז און אַרויסגעשטאַמלט:

— איך האָב ליב אַ בחור. אַ חלוץ. ער איז אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. איך קאָן אָן אים ניט לעבן...

צאַלקע איז אויפגעשפּרונגען. אויף דעם האָט ער זיך ניט געריכט.

— און דאָס דערציילסטו מיר איצטער? און די חתונה איז עפּעס אַ כאַבינקע?

הינדע האָט אַ פאַרשעמטע אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ:

— כ'האָב זיך געוואָלט אַרויסכאַפּן, אפשר דורך אַמעריקע צו אים. בין איך מסכים געווען אויף אַלץ. דערווײַלע האָט זיך געיאָוועט אַ מאַכער פון וואַרשע, פאַר געלט פירט ער מענטשן קיין ארץ־ישראל, דורך רומעניע.

— און טאָמער האַנדלט ער גאָר מיט מיידלעך פאַר אַרגענטינע? — האָט זיך צאַלקע אָנגערופן — דו קאָנסט אים? מע ווייס ווער ער איז?

— ער האָט שוין געפירט. פאַראַן בריוו פון דאָרטן. די צוויי חברים פון הפועל וואָס זענען געווען אויף דער חתונה קאָנען אים. דריי מיידלעך האָט ער שוין מיט זיך. טאָמער קום איך ניט מאָרגן צו דער באַן, פאָרט ער אַוועק... איך מוז שוין פאָרן. מ'האָט מיר געשריבן אַז אַ מיידל טשאַטעוועט אויף אים. איך האָב אים ליב...

הינדע האָט גערעדט און צאַלקען האָט די עוולה געגריזשעט.

ער האָט זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צו איר. הנאה געהאַט פון יעדער רגע וואָס זיי זענען געווען אין איינעם. ס'האָט געטראָפן אין זיין מענערישן שטאָלץ.

זי האָט זיך ווידער פונאַנדערגעוויינט און ער האָט שוין ניט געוווּסט ווי זי צו טרייסטן. לסוף האָט זי אים געמאָלדן מיט אַ זיפץ:

— איך וועל שלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע.

— דו וועסט שלאָפן אין דער ניקלבעט! — האָט זיך צאַלקע אָפּגערופן — אַליין! צאַלקע איז נאָך קיינעם ניט באַפאַלן, נאָך קיינעם ניט גענומען בגוואַלד!

— ביסט אַן איידעלער בחור. אַן אַנדערער וואָלט מיך אַרויס־געטריבן אין גאַס אַרויס.

— איך טרייב ניט קיין מענטשן.

הינדע האָט אָפּגעאָטעמט און געשוויגן. פּלוצעם האָט זי אַרויסגעפּלאַצט:

— איך וויל פון דיר אַ טובה!

צאַלקע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— גוט, גוט, כ'וועל שלאָפן אין די זאַכן.

— ניט וועגן דעם רייד איך, צאַלינקע. זאָלסט מיר ניט אָפּזאָגן. די טובה וועט דיר זיכער ערגעץ פאַרשריבן ווערן...

— וועגן וואָס רעדסטו?

— איך וויל דיך בעטן, דו זאָלסט מיר אויסלייען דאָס געלט וואָס דו האָסט באַקומען, איך זאָל קאָנען באַצאָלן דעם מאַכער. איכ'ל קומען אויף אַן אָרט, וועל איך דיר אָפּשיקן. ביסלעכווייז.

ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט צאַלקע געדאַרפט אַליין באַשליסן אין אַזאַ ענין ווי געלט. יאָרן־לאַנג האָט ער געפּאָלגט די עצות פון מלך דעם חכם. איצטער האָט ער געמוזט באַשליסן אַליין. ער'ט געוווּסט: ס'וועט ניט זיין מיט וואָס זיך צו זעצן צום טיש. ער וועט בלייבן אָן אַ גראָשן. אַלע וועלן מאַכן פון אים טורליקעס. דער חתן האָט געגעבן דער כלה נדן. דער גאַנצער דורכהויף וועט לאַכן.

ער האָט איר שוין געוואָלט זאָגן אַז ער מוז קודם זיך אָן עצה האַלטן מיט חברים, אָבער די בושה האָט פאַרברענט אין אים ביז איין וואָרט. ניט וועגן געלט. נאָר ווי זי האָט אים מבטל געמאַכט, ווי זי גייט איבער קעפּ, אַבי צו זיין מיט יענעם. ער האָט געשפּאַנט אָן אויפגעברויזטער אַהין און אַהער, מיט אַ פאַרביסענער מינע. פּלוצעם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגן איבער הינדען, אויס־געגלייכט מיט ביידע הענט די לאַצן פון רעקל, און אויסגערופן:

— דו האָסט האַלט אַן אַנדערן, ווילסט פאַרן צו אים, נאַ, פאָר! — און ער האָט איר אויסגעצויגן דעם קאָנווערט מיטן געלט.

דאָס איז שוין געווען צו פיל פאַר אים. ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן פאַר זיין אייגענער גבורה, האָט ער זיך אָן איינ־געשרומפּענער אָוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט, האַרט לעבן הינדען. זי האָט פאַרפלאָכטן אירע פינגער אין זיין האַנט. פון אַזאַ צערטלעכקייט איז ער צוגעפאַלן צו איר אַקסל און זיין קול האָט זיך געבראָכן:

— און איך, דער אייביקער פרייער, האָב געמיינט... כ'האָב זיך גוט פאַרפאַרעט אין דיר, הינדעלע, מיט אַ גרונט...

✶

גאַנץ ווילנע האָט טאַקע פון אים חוזק געמאַכט. ער האָט מער ניט געקאָנט אַריינגיין אין מייזלס ביליאַרדאַווע. הירשל ראַספּוטין איז געווען אש־להבה: ווי לאָזט מען דאָס אַ פּרויען־צימער זאָל אַנטלויפן און נאָך מיטכאַפּן דאָס געלט? ביי אים וואָלט זי געווען צוגעבונדן צום פיסל פון בעט. די ידיעה האָט זיך פאַרשפּרייט איבער אַלע קנייפּעס. טאָוושעס רויטהאָריקע שוויגער האָט אומעטום צעבלאָזן, ווי אַזוי זי איז אויף מאָרגן געגאַנגען מיט אַ טאָץ טיי און באַבקע מכבד זיין ס'יונגע פּאָרל און פון הינדען איז קיין דוך ניט געווען. מלך דער חכם האָט געוואָלט צאַלקען דורסן. יאַנקל אַנגלעניק האָט געפּסקנט, אַז אַזאַ

פרייער דאַרף מען איינרייבן אין סאַזשע און אַוועקשטעלן לעבן פלומפּעלע אויף ראָג יידישע גאַס, די פאַרבייגייערס זאָלן שפּריצן אויף אים וואַסער.

אַזוי ווי אַלץ ווערט פאַרגעסן, איז אויך די מעשה מיט צאַלקען פאַרגעסן געוואָרן. ער האָט זיך אַרויסגעקליבן פון זיין קאַמער. די עלעגאַנץ איז פון אים אַראָפּ. ער האָט נאָך געשפּילט, אָבער זייער קליין. ס'האָט אים געפעלט אויף אויסקומעניש, איז ער אַוועק פאַר אַ קעלנער ביי שליימקע־פּייסקעס אין רעסטאָראַן. ער מאַכט דאָס ניט שלעכט, ווייל ער האָט מאַניערן. שליימקע איז צופרידן פון אים, בלויז איין טענה האָט ער:

— צאַלקע, טראָג ניט אונטער אַ גאַסט די פערטל קאַטשקע מיט אַזאַ טויטער מינע, גיב אַ שמייכל, זאָג אַ גוט וואָרט...

צאַלקען איז אָבער שווער צו שמייכלען. ער האָט פאַרלוירן זיין וועלטל. עס דערפרייען אים אַפילו ניט די פּאָר שורות מיטן פונט שטערלינג וואָס ער באַקומט פון הינדען. ער בענקט נאָך איר. מיט חדשים צוריק האָט ער איר אָפּגעשיקט דעם גט, ווייל וואָס וועט ער ציען לענגער ?...

פורטע פון די ציגל

פורטע פון די ציגל

פורטע איז געשטאַנען אַנטקעגן איבער דעם באַרג ליים און האָט געטראַכט: וואָס ווייטער? די לעצטע צייט איז אים ניט געגאַנגען. די ציגל־ברענעריי איז געשטאַנען קאַלט. שוין יאָרן ווי ער גראָבט ליים אויף די שעסקינער בערג, וואָס אַרויף שניפּע־שאָק, ברענט ציגל און ציט דערפון חיונה. אמת, קיין גרויסע גליקן האָט ער פון דעם ניט געהאַט. ער האָט זיך ניט געקאָנט גלייכן צו מילאַקאָווסקי, וואָס האָט געהאַט אַ ציגעלניע אין די פּאַנאַרער בערג, לעבן זאַקרעטער וואַלד. יענער האָט געמאַכט מאַשינאַווע ציגל, וואָס מ'ניצט ביי די קאַנאַליזאַציע־ראַוון. מילאַקאָווסקי האָט געהאַט אין האַנט דעם גאַנצן מאַגיסטראַט. ער האָט געוווּסט וועמען אַריינצורוקן אין לאַפּע, זענען אַלע קאָנקורסן אַנגעקומען צו אים. אַחוץ דעם האָט מען מיט מילאַקאָווסקין ניט געקאָנט קאָנקורירן. ביי אים איז געשטאַנען אַן אויוון, וואָס קאָן אַרויסוואַרפן אין איין וואָך ציגל צו בויען אַרום ווילנע אַ כינעזישע מויער.

נייִן, צו מילאַקאָווסקי קאָן זיך קיינער ניט גלייכן, אַפילו ניט דער פריץ ווראָבלעווסקי, וואָס פון זיין גאַנץ פאַרמעגן זענען אים געבליבן בלויז די שלאַבעצקע וואַנצעס, ניט די אַנדערע פּאָר ציגעלניעס, ווייטער אַרויף, צום מיישעגאָלער טראַקט. דער איינציקער וואָס האָט געקאָנט זשיפּען איז געווען פורטע, ווייל די ליים פון די שעסקינער בערג איז געווען שטאַרק פעט און זיינע ציגל האָבן געהאַט אַ שם ביים שטעלן אַ וואַנט. די קאַנטן האָבן זיך ניט געקרישלט.

ס'איז אָבער געוואָרן אַ שלעכטע צייט, מ'האָט ניט געבויט. יידן האָבן מער ניט געגלייבט אין מאָרגנדיקן טאָג. מ'איז געווען געדריקט פון אַלע זייטן. פורטע האָט שוין געטראַכט זיך אומצוקערן

צו זיינע פּריערדיקע פּרנסות. אַ מאָל האָט ער געברענט קאַלך. אַז ער האָט געקאָנט אויסברענען דורכן זומער פינף אויוונס קאַלך, האָט ער שוין געהאַט קאַרטאָפל מיט קרויט אויפן גאַנצן ווינטער. איז אָבער געווען אַ סכּנה צו היניען אין פעלד, ווייט פון אַ ישוב. דער פּויער איז שוין ניט געווען דער זעלביקער ווי אַ מאָל. אַזוי איז אויך געווען מיטן טרייבן סמאָלע.

האָט פּורטע אַזוי לאַנג אַרומגעזוכט, ביז ער האָט זיך דאַבאַוועט צו די שעסקינער בערג. די ערשטע צייט איז אים דווקא געגאַנגען ניט שלעכט, זיינע ציגל זענען געווען אַ סחורה, אָבער פּלוצעם האָט מען אויפגעהערט צו בויען. אַפילו די קהילה האָט איבערגעריסן די אַרבעט צו באַפעסטיקן די וואַנט אין גאַנס קלויז. מ'איז געווען ענג אין געלט.

איז פּורטע געשטאַנען צופוסנס די שעסקינער בערג און האָט אַרויפגעקוקט צום זומערדיקן הימל. ס'איז געווען האַרט פּאָר שבועות. שניפּעשאַק האָט זיך געבאָדן אין ליכט. אַחוץ אומעט, האָבן זיך אַלע קאָלירן פון זיינע פּרנסות איבערגערופן אויף פּורטעס פּנים — ברוינע לעבערפלעקן האָבן דערמאָנט די ליים; דער שטערן — ווייס ווי קאַלך און די געדיכטע ברעמען — שוואַרץ ווי סמאָלע.

פּורטע וואָלט נאָך לאַנג אַזוי געשטאַנען און געטראַכט וואָס אָנצוהייבן ווייטער, ווען עס יאָוועט זיך ניט אַ יונגע פרוי מיט אַ שאלה:

— איר זענט פּורטע פון די ציגל?

פּורטע איז געווען צוגעוווינט צו די צעפּאַרענע פּויערטעס מיט ברייטע קריזשעס, וואָס האָבן געאַרבעט ביי דער ליים, האָט ער זיך אַ ביסל צעטומלט ביים אָנבליק פון דער עלעגאַנטער פרוי, אין ווייסן קלייד, אַ הוט מיט ברייטע ראַנדן, אין וועלכן ס'האָבן געשטעקט דריי פעלדבלומען און אַ זומער-שירעם אין האַנט. ער איז אָבער פּאַרט אַ שטאָטישער, האָט ער זיך געגעבן אַ טשוכע און דורכגעפּלאָכטן זיין ענטפער מיט אַ שאלה, ווי זיין שטייגער איז:

— יע, איך בין פורטע פון די ציגל, און ווער זענט איר?

— איך בין ריווע בערגער, בערגער פון די קוואס... זיינע א טאכטער.

בערגערן פון די קוואס האט געקענט גאנץ ווילנע. ס׳איז געווען בלויז נאך איין קוואס־מייסטער, ער האט געהייסן יאסע פון די קוואס, אבער דער חילוק צווישן זיי איז געווען ווי דער חילוק צווישן פורטע און מילאקאווסקין. בערגער האט געהאט א זאוואד, וואס האט באזארגט גאנץ ווילנע מיט סאדע־וואסער, לימאנאד און, דער עיקר, מיט א געטראנק וואס האט זיך געשוימט אין די קופלען ווי ביר און האט דערמאנט דעם טעם פון פסחדיקן מעד.

דעם סוד פונעם געטראנק האט געבראכט פון בעלגיע בערגערס יינגערער זון, יוליק, וועלכער האט דארטן געלערנט כעמיע און ביר־ברויעריי. פונאנדערצופירן די סחורה איבער דער שטאט האט דער אלטער בערגער געהאט א צען פערד מיט קארעס. אין ווילנע האט מען געזאגט, אז די פערד גלאנצן ביי אים שענער ווי זיין סאמאוואר.

אויך די קינדער זיינע האט בערגער שיין געהאלטן, זיי געשיקט לערנען אין פרעמדע לענדער, זיי זאלן צוריקקומען אהיים מיט דיפלאמען. זיין טאכטער ריווע, ריוועטשקע, ווי מ׳האט זי גערופן צוליב איר נידעריקן וווקס, איז אויך ערשט געקומען פון אויסלאנד און פון דארטן האט זי טאקע געבראכט די הוט און דעם זומער־שירעם. איצטער איז ריוועטשקע געשטאנען און געווארט אז פורטע זאל זי פרעגן וואס אזוינס עס האט זי אהער געפירט, ווייל אויב קויפן ציגל, וואלט דאך געקומען דער טאטע אליין און ניט געשיקט די טאכטער מיטן שירעם.

פורטע האט טאקע געפרעגט און ריוועטשקע האט אים געבעטן ער זאל מיט איר אראפגיין נידעריקער, נעענטער צום שאסיי, ווו ס׳ווארט אויף אים א מענטש, וואס וויל מיט אים מאכן א געשעפט. דערהערט דאס ווארט געשעפט, איז ער באלד אוועק מיט ריוועטשקען.

לעבן שאסיי האט געווארט א מענטש, וואס האט ניט אויסגעזען

צו זיין קיין ווילנער. ער האָט געשמעקט מיט זאַגראַניצע, מיט אויסלאַנד. אין ווילנע האָט מען ניט געטראָגן אַזעלכע שמאָלע הויזן און אַ רעקל מיט צוויי מעשענע שנאָלן אויףביידע זייטן טאַליע. אויך די געמזענע טופליעס מיט שאַרפע נאָסקעס, יעדער נאָסקע ווי אַ שנאָבל פון אַ פיקהאָלץ, האָבן ניט געהאַט דעם ווילנער פאַסאָן. ער האָט געשמייכלט אונטער די דין־צוגעשניטענע וואָנצעלעך און ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. פאַר וואָס ער רעדט ניט — האָט זיך פורטע דערוווּסט שפּעטער. דערווײַלע האָבן ביידע אים געבעטן ער זאָל אַריין אין דער דראָזשקע וואָס האָט געוואַרט אויף אַ באַפעל. דער אויסלענדער האָט ניט געקענט איינזיצן. ער האָט זיך געהנדלט צו ריוועטשקען אין אַ צעקלונגענעם לשון, איר דערציילט מסתמא קאָמישע זאַכן, ווייל ביידע האָבן געכיכיקעט. פורטע איז געזעסן אַ שטומער, ניט געקאָנט אַריינוואַרפן קיין וואָרט. דאָס גערייד איז אָנגעגאַנגען אויף פראַנצייזיש.

מ׳איז געפאָרן צו די בערגערס אין שטוב אַריין, אַרומצוריידן דאָס געשעפט. געקומען צו פאָרן, האָט די דינסט געבראַכט ליקער מיט באַבקע און ריוועטשקע האָט אָנגעהויבן אויסלייגן פרטים פונעם עסק. וואָס מער פורטע האָט זיך צוגעהערט, אַלץ מער האָט ער ניט געוווּסט צי זאָל ער וויינען, צי זאָל ער לאַכן פון זיינע פוסטע האָפענונגען, אַז דאָ גייט אַ שטיקל פאַרדינסט.

אָבער ווען דער פראַנצויז האָט, אויף ריוועס אַ ווונק, אַרויס־גענומען פון בוזעמטאַש אַ פעקל זלאָטעס, איז פורטע געוואָרן פול מיט דרך־ארץ פאַר איטלעכן וואָרט.

— וועגן קייסער נאַפּאָלעאָן האָט איר געהערט? — האָט ריוועטשקע געפרעגט.

פורטע האָט זיך געפילט באַליידיקט:

— וואָס הייסט געהערט? נאַפּאָלעאָן, וואָס איז געגאַנגען אויף רוסלאַנד און געבראָכן דעם קאַרק... ער איז דאָך געווען אין ווילנע, כ׳מיין מיט אַ הונדערט יאָר צוריק.

— פאַניע פורטע — האָט ריוועטשקע זיך געסטאַרעט איבער־צוגעבן וואָס דער פראַנצויז האָט איר געזאָגט — דער מענטש

גיט אייך געלט איר זאָלט גראָבן ליים און מאַכן ציגל. די ציגל דאַרף ער אויף כּפּרות, ער דאַרף נאָר איר זאָלט גראָבן, ווייל ער וויל עפּעס געפינען אין דער ערד.

— וואָס וויל ער געפינען?

— מיר דאַכט זיך אַז ער אַליין ווייס ניט. איך האָב עס אויך ניט גוט צעקייט. אָבער וואָס אַרט עס אייך? נעמט געלט, גראָבט און מאַכט ציגל.

— אַז ער דאַרף ניט קיין ציגל, קאָן מען זיך דאָך באַנוגענען בלויז מיט גראָבן.

— ניין, ער וויל דווקא איר זאָלט מאַכן ציגל, ס׳זאָל ניט ווערן קיין גערודער און מ׳זאָל ניט קומען פון גאַנץ שניפּעשאָק מיט לאָפּעטעס זוכן אַן אוצר. ייִדן וועלן תּיכּף איבערטראַכטן: פּורטע גראָבט ניט סתם...

— גיט כאָטש אַ רמז וואָס ער זוכט.

— עפּעס אַ קעסטל... ער האָלט אַז ס׳איז באַגראָבן ביי אייך אין דער ציגעלניע. עמעצער האָט עס דאָרטן באַגראָבן.

— ווער? ווען?

— אָ, שוין לאַנג, אין נאַפּאָלעאָנס צייטן.

פון דעם אַ שמועס איז ער ניט קליגער געוואָרן. האָט ער אויסגעטרונקען דעם ליקער וואָס מ׳האָט אים דערלאַנגט, אויפגע־רוימט פון טיש דאָס האַנטגעלט און אַוועק מיט ווייבע פּיס אַהיים.

✶

דער פראַנצויז האָט דערציילט, אַז ער איז אַ ווייט־ווייטער קרוב פון דעם שרייבער סטענדאַל, וועמעס אמתער נאָמען איז געווען אַנרי בייל. אָט דער אַנרי בייל איז געווען אַן אינטענדאַנט אין נאַפּאָלעאָנס אַרמיי און ער האָט אים אויך באַגלייט בעתן מאַרש אויף רוסלאַנד. ווען די אַרמיי האָט אָפּגעטראָטן פון דער פאַר־ברענטער מאָסקווע, צוריק אַהיים, און איז פאַרביי ווילנע, זענען די סאָלדאַטן געווען צעקאָכט פון דער מפּלה, פון הונגער און פון קעלט. האָבן זיי געמאַכט אַ בונט און צעגראָמירט די קאַסע פון

רעגימענט. דער אָפיציר־אינטענדאַנט אַנרי בייל האָט אָבער מצליח געווען צו ראַטעווען פון די זעלנערישע הענט אַ קופערן קעסטל מיט דאָקומענטן און זיך געלאָזט דערמיט אַוועקרייטן אין גאַלאָפּ. פּלוצעם האָט ער דערזען קאָזאַקן, האָט ער פאַרקערעוועט דאָס פערד צו אַ באַרג און דאָרטן אין דער גיך פאַרגראָבן דאָס קעסטל. ער האָט עס ניט אַזוי געטאָן מחמת די דאָקומענטן, וואָס ער האָט זיי געוואָלט שפּעטער אויסניצן פאַר אַ בוך, ווי צוליב דעם בריוו וואָס נאַפּאָלעאָן האָט אים מיטגעגעבן פאַר זיין ווייב, די קייסערינע. דעם בריוו האָט אים נאַפּאָלעאָן געגעבן אין מאָסקווע און בעת ער האָט אים פאַרזיגלט מיטן אימפּעראַטאָרישן זיגל, האָט ער צו אים געזאָגט: בייל, דער בריוו דאַרף געלייענט ווערן איידער איך קום צוריק קיין פּאַריז. זיין תוכן איז וויכטיק פאַרן גורל פון פראַנקרייך!

נאָך דעם ווי דער אינטענדאַנט אַנרי בייל האָט פאַרגראָבן דאָס קופערנע קעסטל, ווו ס'איז אויך געלעגן דער בריוו פון נאַפּאָלעאָנען, איז אים געראָטן זיך אַרויסצורייסן פון די קאָזאַקן און מיט אומוועגן אַריבער דעם טייך ניעמאַן קיין פּרייסן. נאָך דער גרויסער מפּלה האָט נאַפּאָלעאָן שוין געהאַט אַנדערע דאגות ווי דעם בריוו. ער איז אויך אַזוי גיך ניט געקומען קיין פּאַריז.

אַנרי בייל האָט זיך מער קיין מאָל ניט געטראָפן מיט נאַפּאָלעאָנען. די מעשה האָט זיך דער פראַנצויז דערוווּסט פון אַלטע כתבים, וואָס ער האָט געפונען אויף אַ בוידעם. פון דעמאָלט אָן האָט ער ניט מער קיין רו. ער מוז וויסן וואָס אין יענעם בריוו איז געשריבן. ער האָט אויך אַ שוואַכקייט צו דער פען און וויפל זיין ווייט־ווייטער קרוב סטענדאַל האָט ניט געשריבן וועגן נאַפּאָלעאָנען, וויל ער נאָך עפּעס צוגעבן און דערמיט אויפרודערן די וועלט. צוליב דעם איז ער געקומען קיין ווילנע — געפינען דעם בריוו.

★

דער פראַנצויז, זשאַרזש באָנע האָט ער געהייסן, האָט אַרויס־געדרונגען פון די אַלטע כתבים, אַז דאָס קופערנע קעסטל מיטן

בריוו אינעווייניק איז ניט באַגראָבן טיף אין דר'ערד. דערצו איז קיין צייט ניט געווען. די ערד איז אויך געווען האַרט און פאַרפרוירן. דאַרף עס זיין פאַררוקט אין אַ שפּאַלט צווישן ליימגרודעס, ניט ווייט פון אַ שיטערן וועלדל מיט נידעריקע ביימער. טאַקע דאָרטן ווו פורטע האָט געהאַלטן אין גראָבן די ליים.

איידער ער איז געקומען צו ריוועטשקען, האָט דער פראַנצויז זיך אַרומגעקוקט אין ווילנע, צי ס'זענען פאַראַן אַנדערע בערג ענלעכע צו די שעסקינער, אָבער ער האָט ניט געפונען. ער איז געווען אויף די קרייצבערג, אויף די בופּאַלאָווע־בערג און אַפילו אַרויפגעקראָכן אויפן שלאָסבאַרג אין מיטן שטאָט. אומעטום האָט ער געזוכט דאָס וועלדל, וואָס איז דערמאָנט ווי אַ סימן. וועלדלער און וועלדער זענען טאַקע געווען אַרום דער שטאָט, אָבער ניט מיט דעם סאָרט ביימער ווי ס'האָט זיי באַשריבן אַנרי בייל — נידעריקע, מיט האַרטע בלעטער, וואָס האָבן זיך געטוליעט צו די צווייגן. איצט, אין מיטן זומער, האָבן די בלעטער זיך געהויבן אין דער הייך און די ביימער האָבן אויסגעזען ווי איבערגעוואַקסענע קוסטעס. האַרט ביים ראַנד פון וועלדל האָט פורטע אָנגעהויבן אַראָפּגראָבן די גרודעס ליים, פאַרקייקלטע אין משך פון הונדערטער יאָרן נאָך רעגנס און שנייען.

ניטאָ אין ווילנע קיין סודות. מילאַקאָווסקי האָט זיך דערוווּסט אַז פורטע האָט געבראַכט טאָגאַרבעטער צו גראָבן די ליים. ער האָט אַפילו איינגעהאַנדלט אַן אָפּגעקראָכן אייזעלע צו מישן די ליים. שיקסעס האָבן געזיפּט דעם זשוויר, כּדי די ציגל זאָלן אַרויס ריין.

אַלע ציגל־ברענערס זענען געקומען צו פאָרן צו די שעסקינער בערג, זען וואָס פורטע טוט דאָרטן. זיי זענען געשטאַנען מיט פאַר־ריסענע קעפּ און ניט באַנומען וואָס דאָ קומט פאָר. די אַרבעטער האָבן ניט געגראָבן טיף אין דר'ערד, נאָר געקראַצט די גרודעס און אויסגעגלייכט דעם באָדן. דער פּריץ וורובלעווסקי איז אַרויס מיט דער השערה אַז פורטע גייט מאַכן אַ טאַנצזאַל אויפן באַרג. גלייכט ער אויס דעם שטח. שמוליק, דער ציגל־ברענער פון סטריכאַרסקע,

האָט געהאַלטן, אַז פֿורטע האָט געפּאַקט אַ נייעם פּאַטענט צו מאַכן דאַכלקעס און צו דעם איז נייטיק די אייבערשטע שיכט ליים.

מילאַקאָווסקי, דער קאַרפּנקאָפּ פֿון דער בראַנזשע, האָט געשוויגן. ער איז געווען זיכער אַז פֿורטע האָט געכאַפּט אַ סראָטשנע באַשטעלונג פֿון דעם פּראַנצויז מיט די שמאָלע הויזן. גאַנץ שניפּעשאָק זעט אים זיך דרייען צווישן די גרודעס ליים. צי איז פּראַנקרייך שוין געבליבן אָן ציגל? מילאַקאָווסקין האָט זייער געדראָפּעט צו וויסן דעם אמת. האָט ער אונטערגעשיקט זיינעם אַ מענטש צו פֿורטען, ער זאָל רעדן וועגן ציגל. טאָמער פֿאַרקויפֿט ער ניט, האָט ער אַ באַשטעלונג. אָבער פֿורטע האָט געזאָגט: ציגל? אַדרבא! האָט שוין מילאַקאָווסקי ניט געוווּסט וואָס צו טראַכטן. פֿון דעסטוועגן האָט ער געהייסן אָפּקויפֿן אַלע ציגל, אַריינצורוקן אַ פּלאָקן דעם קאָנקורענט.

★

פֿורטע האָט געגראָבן אין די שעסקינער בערג און האָט גאָרנישט ניט געפֿונען. איין מאָל האָט ער יאָ עפּעס געפֿונען, אָבער ניט קיין קופּערן קעסטל, נאָר אַ פֿאַרזשאַווערט שטיקל געווער. דער פּראַנצויז האָט פֿון הנאה וועגן פֿאַרזשמורעט זיינע קעצישע אויגן, געמיינט אַז דאָס איז אַ סימן פֿון זיין זוכעניש, אָבער נאָכן אַראָפּסקראָבען די בלאָטע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס איז אַ סאַבליע פֿון די צייטן ווען די ליטוויש־פּוילישע אַרמייען האָבן פֿאַרטיידיקט ווילנע קעגן די דייטשע קרייצלערס. ער האָט דערציילט ריוועטשקען וועגן דעם געפֿינס און זי האָט זיך צעלאַכט. אירע חן־גריבלעך האָבן אים געצויגן און דאָס מתיקות פֿון אירע ליפּן האָט אים פֿאַרהאַקט דעם אָטעם. ריוועטשקע האָט געזען זיינע גרין־גרויע אויגן און זי האָט גוט פֿאַרשטאַנען וואָס ער איז אויסן. ער איז איר טאַקע שטאַרק געפֿעלן, דער שלאַנקער פּראַנצויז, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ליבהאָבער פֿון די אַלטע ראָמאַנען.

פֿון טאָג צו טאָג האָט אָבער זשאָרזש באַנע פֿאַרלוירן דעם

אימפעט. פורטע האָט געגראָבן און אַ פייג האָט ער געפונען. מילאַקאָווסקי האָט מער ניט געקויפט קיין ציגל. די פּאַרטיקע סחורה האָט זיך געהויפט אין פירקאַנטיקע בערגלעך. די פּאָר פּאַרמאַטשעס וואָס זענען איבערגעבליבן האָבן געהאָלפן דורכנישטערן דעם שטח צווישן אָפּגעקילטן אויוון און דער נאָענטסטער ליימגרוב. דער פראַנצויז האָט זיך אויסגערעדט אַז דאָס איז די לעצטע האָפענונג זיינע און ער צאָלט דערפאַר מיט זיין לעצט געלט.

ריוועטשקע האָט אַלץ געטאָן כּדי אויפצומונטערן דעם פראַנצויז. זי האָט אים אַרומגעפירט איבער דער שטאָט און אים געוויזן אַלצדינג וואָס איז כּדאַי צו זען. זיי האָבן שפּאַצירט לעבן דעם פּאַלאַץ ווו נאַפּאָלעאָן איז געשלאָפן גאַנצע דריי וואָכן, איידער ער האָט זיך געלאָזט אויף מאָסקווע. דערנאָך זענען זיי געגאַנגען באַקוקן דעם קלויסטער פון דער הייליקער אַנאַ, לעבן דער ווילענקע. בעת ריוועטשקע האָט אים דערציילט, אַז ווען נאַפּאָלעאָן האָט דערזען דעם בנין האָט ער אויסגערופן: אויף מיינע אַקסלען וואָלט איך אים אַריבערגעטראָגן קיין פּאַריז! — האָט דער פראַנצויז אַזש אָנגעהויבן צו קושן די ווענט. ער איז געווען אַ גרויסער חסיד פון נאַפּאָלעאָנען, און ער האָט גאָרניט געוווּסט אַז דער גרויסער גענעראַל איז געווען פריטשמעליעט פון דער שיינקייט אין ווילנע. זי האָט אים אויך אַוועקגעפירט אין אַ געגנט מיט אַ גרינער רחבות און גאָלדיקע קאָרנפעלדער, און אים דערציילט אַז אויך דאָ איז נאַפּאָלעאָן געשטאַנען און האָט אויסגערופן צו זיינע באַגלייטערס: דאָס דערמאָנט מיך אין ירושלים!

איז נאָך ווייניק? האָט זי אים שפּעטער אַוועקגעפירט אין יידישן טעאַטער, אויף לודוויסאַרסקע, ווו אייזיק סאַמבערג האָט געשפּילט מאַליערס **דער קאַרגער**. דער פראַנצויז האָט ניט פאַרשטאַנען קיין וואָרט, אָבער ער איז געווען מלא התפּעלות און געזאָגט, אַז סאַמבערג דאַרף באַקומען אַן אָרדן פון ערן־לעגיאָן פאַרן פאַרשפּרייטן די פראַנצייזישע קולטור.

★

זשאַרזש באָנע איז טאַקע געווען אַ גרויסער ענטוזיאַסט, נאַפּאָלעאָנס בריוו האָט אים אונטערגעצונדן, אָבער ווען ער האָט געזען ווי דער בייטל ווערט אַלץ דאַרער און ציגל ווערן אַלץ מערער, און קיין שפּיץ פון אַ בריוו זעט מען ניט, האָט ער באַשלאָסן אויפצוגעבן דאָס זוכעניש.

דעם אָוונט פאַר זיין אָפּפאָרן, האָבן ריוועטשקע און דער פראַנצויז אַרומשפּאַצירט איבער שעסקינער בערג. ער האָט נאָך אַ מאָל געוואָלט זען די גאַנצע שיינקייט פון ווילנע, מיט אירע וועלדער און וואַסערן. ער האָט לאַנג געקוקט אויף דער געגנט ביז זי איז פאַרשוווּמען געוואָרן אין דער טונקלעניש. ער האָט געוואָלט אָפּזיפצן און אַ זאָג טאָן: ווי שיין! — האָט ער זיך אָבער דערמאָנט אַז נאַפּאָלעאָן האָט עס געזאָגט פריער. איז ער אַנטשוויגן געוואָרן און בלויז געצערטלט ריוועטשקעס האַנט.

נאָך דעם ווי דער פראַנצויז איז אָפּגעפאָרן, איז אין פורטען אַריין אַ דיבוק. ער האָט געמוזט געפינען דאָס קופּערנע קעסטל. ס'קאָן דאָך אַנדערש ניט זיין, אַז דאָרטן מוז ליגן אַ רעכט ביסל גאָלד. אַניט וואָלט דאָך דער לאַנגער פראַנצויז ניט געפּטרט אַזוי פיל געלט אויף זוכעניש. קיין ציגל האָט קיינער ניט געקויפט און דאָס גאַנצע געלט איז אַוועק אויף שכירות פאַר די אַרבעטער. פורטע האָט אָנגעהויבן זוכן שותפים צו דער ציגעלניע. ער איז אַוועק צו ריווקינדן דעם זייגער־מאַכער אויף דייטשע־גאַס. ריווקינד האָט געהאַט געדולד פון אַ שפּין. ער האָט געקאָנט אָפּזיצן איבער אַ ציבעלע, אַ זייגער פון מלך סאָביעסקיס צייטן, אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך. האָט ער זייער געדולדיק אויסגעהערט פורטען און אים געענטפערט, אַז גאָלד איז אַ זייער גוטע זאַך, ווען עס בלישטשעט פאַר די אויגן, אָבער ווען ס'ליגט אין דר'ערד און מע ווייסט ניט ווו, דאַרף מען זוכן בעסערע געשעפטן.

נאָכן וויזיט ביי ריווקינדן האָט פורטע אָפּגעזאָגט די פאַר שקצים וואָס האָבן זיך נאָך געדרייט איבער דער ציגעלניע און אַליין גענומען פונאַנדערוואַרפן לאָפּעטעס ליים. ווי אַ שפּאַרונע צווישן די גרודעס — האָט ער אַריינגערוקט דעם לאָם.

זיין ווייב איז געלאָפן צום שניפּעשאָקער רב, זי וויל אַ גט. דער מאַן — האָט זי געטענהט — איז אַראָפּ פון די רעלסן. ער עסט ניט, ער טרינקט ניט. ער רעדט פון שלאָף: קעסטל, נאַפּאָלעאָן.. אַ גאַנצן טאָג דרייט ער זיך מיט אַ לאָפּעטע אויף די שעסקינער בערג. ציגל האָט ער געמאַכט אויף צו וואַקסן און קוועלן. קיינער נעמט זיי ניט אין האַנט.

אַזוי האָט פּורטע אַרודעוועט ביז די רעגנס. דאָס האַרבסטיקע וועטער האָט אָפּגעקילט זיין דמיון. אַ גאַנצן זומער האָט ער געלעבט אין פיבער. דער פראַנצויז האָט אים אַנגעשטעקט מיט אַ קעסטל־קרענק. ער וואָלט אים גערן נאָך אַ מאָל געזען, און אויב ניט זען — כאָטש כאָפּן וועגן אים אַ וואָרט. האָט ער באַשלאָסן צוגיין צו די בערגערס אויף סטעפּן־גאַס, אפשר ווייס ריוועטשקע וואָס מיט אים איז געוואָרן.

ריוועטשקע האָט אים זייער פיין אויפגענומען. מ׳האָט געטרונקען ליקער מיט באַבקע. נאָכן צווייטן גלעזל האָט פּורטע אַרויסגעשאָסן:

— דער פראַנצויז איז געווען אַ טשיקאַווער נומער... איך בענק נאָך אים.

— איך אויך — האָט ריוועטשקע געענטפערט און ער וואָלט געקאָנט שווערן אַז ער האָט געזען בלישטשען אַ טרער אין אירע אויגן.

— איר פאַרשטייט, ס׳איז מיר פשוט סאָוועסטנע. ער האָט געפּטרט אַ פאַרמעגן און איז אַוועקגעפאָרן מיט גאָרניט.

— האָט איר כאָטש פאַרדינט לעבן אים? — האָט ריוועטשקע געפרעגט.

— פאַרדינט? דאָס גאַנצע געלט איז דאָך אַוועק אויף מאַכן ציגל. ליגן זיי. מע וועט זיי צעשלעפּן.

— איז טאַקע שלעכט.

— ווען מע געפינט כאָטש דאָס קעסטל — האָט פּורטע געזאָגט — כאַפּט עס אָפּ אַלע הוצאות. דאָרטן האָט געדאַרפט זיין יענע מאָטניע גאָלד.

— מאָלט אייך אַז דאָרטן איז ניטאָ קיין גאָלד. ער האָט געזוכט גאָר עפּעס אַנדערש.

פּורטע האָט זיך אַ הייב געטאָן פון שטול:

— עפּעס אַנדערש? וואָס?

— אַ בריוו...

— אַ בריוו? פון וועמען?

— פון נאַפּאָלעאָנען צו זיין ווייב.

דער ציגל־ברענער איז געוועז אויסער זיך. ער האָט אָנגעהויבן שפּאַנען איבער דער שטוב ווי אַ באַנומענער:

— אַ בריוו? באַגראָבן טויזנטערס פאַר אַ בריוו? וואָס האָט שוין נאַפּאָלעאָן געקאָנט שרייבן זיין ווייב נאָך אַזאַ מפּלה? זי זאָל אים היטן דעם טראָן? אויסשייערן די קרוין?

— אַבי איר האָט ניט צוגעלייגט — האָט זיך ריוועטשקע אָפּגערופן.

— ניט צוגעלייגט? און נאָך ווי אַזוי צוגעלייגט! זאָל איך עסן די ציגל? מילאַקאָווסקי מאַכט פון מיר פּענדזע. די כויכעס אויף דייטשע־גאַס וויצלען זיך בעת אַ שלעכט געשעפט: ער איז אַרויס — זאָגן זיי — ווי פּורטע פון די ציגל. כ׳וועל שוין בלייבן אַזוי אין ווילנע אויף געלעכטער.

— וועט אייך ווילנע תמיד געדענקען — האָט זיך ריוועטשקע צעלאַכט.

זי איז געווען גערעכט. מע געדענקט אים. ווו נאָר אַ ווילנער פאָלט דורך מיט אַ מיסחר, זאָגט מען אויף אים: ער איז אַרויס ווי פּורטע פון די ציגל.

עטלעכע ציגל פון דער פראַנצייזישער באַשטעלונג וואַלגערן זיך נאָך ביז היינט אויף די שעסקינער בערג...

דער סטראַדיוואַרי
פֿון גלעזער־גאַס

דער סטראַדיוואַרי פון גלעזער-גאַס

באַברושקע וואָלט געקאָנט לעבן אין ווילנע ווי אַ גראַף. פון זיין אַרבעט ביי באַסטאַמסקין אין דער סטאָלעריי האָט ער זיך געקאָנט פאַרגינען אַפילו נאָך אַ פּאַרציע מילץ אין איצקע דעם געלנס קנייפּע. אַפילו פאַרבעטן זיין מיידל, זלאַטקען, אין קינאָ „העליאָס". האָט אים אָבער זיין עקשנות צו בויען אַ פידל אין גאַנצן צעדרייט די רעיונות. ניט געלאָזט רויק לעבן.

אויף די זונטיקדיקע פאַרמיטאָג-קאָנצערטן אין שטאָטזאַל איז ער ניט געגאַנגען, איז די שאלה, פון וואַנען האָט זיך עס צו אים גענומען, פאַר וואָס האָט ער זיך אָנגעטשעפּעט אין עפּעס וואָס האָט צו אים קיין שייכות ניט ?

איז ערשטנס, האָט עס יאָ געהאַט צו אים אַ שטיקל שייכות. ער איז דאָך געווען אַ געזעל אין דער סטאָלעריי ביי באַסטאַמסקין, צוגעשניטן דאָרטן לייסטן פאַר טירן און פענצטער. האָט ער שוין געהאַט אַ השגה אין האָלצאַרבעט. צווייטנס, האָט אים דער זון פון בעל-הבית, אַרקע, אָנגעצונדן די פאַנטאַזיע. אמת, ניט צו מוזיק, אָבער פאַרט אָנגעצונדן — צו טעאַטער. אַרקע האָט געהערט צו אַ טרופּע יונגען און מוידן, וואָס זענען געפאָרן איבער די אַרומיקע שטעטלער געבן פאָרשטעלונגען. מ׳האָט באַברושקען אַפילו פאַרטרויט אַ ראָלע, ווו ער האָט געדאַרפט מעלדן, אַז עס קומט אַ דאַמע וואָס דאָס פּנים איז ביי איר פאַרדעקט. אָבער מחמת בינע-פחד, האָט ער זיך פאַרהאַקט און דאָס וואָרט „פאַרדעקט" איז אַרויסגעשפּרונגען פון זיין מויל מיט אַן איבעריקער ריש.

דער עולם האָט ביי דער סאַמע טראַגישער סצענע געקייכט פון געלעכטער און געדריגעט מיט די פיס. האָט מען באַברושקען אַרויסגעטריבן פון דער טרופּע. די פאַנטאַזיע, אָבער, איז געבליבן.

האָט ער זי אַריבערגעוואָרפן צו בויען אַ פידל. הובלען קאָן ער, צושניידן אַ ברעט — אויך. אומגיין מיט אַ לאָבזעג אין ניטאָ צו אים קיין גלייכן. בלייבן בלויז איבער די סטרונעס, און סטרונעס קויפט מען פּאַרטיקע.

ס'האָט אים אויך אָפּגעגליקט מיט אַ ביכל וואָס זיין מיידל, זלאַטקע, פון שרה קלאָקס געשעפט האָט אים געליען. געליען האָט זי אים בעצם צוויי ביכלעך. איינס וואָס באַשרייבט די גרויסע אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אָבער אַזוי ווי באַברושקע האָט ניט געהערט אין ווילנע צו די רעוואָלוציאָנערע קרייזן, האָט ער געזאָגט זלאַטקען אַז ער האָט זיך נאָך קיין עצה ניט געגעבן מיט די קליינע רעוואָ־לוציעס, וועט ער זיך איצטער ניט נעמען צו דער גרויסער.

איז ער געבליבן מיטן ביכל וועגן די פידלען און פאַרלוירן זלאַטקען, וואָס האָט אים געמאַכט פאַר אַן אָפּגעשטאַנענעם עלעמענט און איז מער ניט געקומען צו די ראַנדקעס אויף ראָג טראָקער און דייטשע־גאַס.

באַברושקע האָט שווער אָפּגעפילט די אַבדה. זלאַטקע, מיט איר געשניצטער טאַליע און דעם שלאַנקן האַלדז האָט געקאָנט דינען ווי אַ מאָדעל פאַר אַ פידל. דערצו האָט זי נאָך פאַרמאָגט אַ פּאָר געטאָקטע פיס, אַז אַלע מבינים אויף דייטשע גאַס האָבן איר נאָכגעקוקט. מע האָט זיך טאָקע געוווּנדערט: ווי קומט עס וואָס אַזאַ דאַרער כאַרט ווי באַברושקע, מיט אַ רויטער נאָז ווי אַן אָפּגעפרוירענע קאַרטאָפל, דערגרייכט זלאַטקען קוים ביזן אַקסל, דווקא ער זאָל איבער איר אַ ברכה מאַכן. אין גאַס האָט מען ניט געוווּסט, אַז זלאַטקע איז זיך, בעצם, מקריב פאַר דער באַוועגונג, וויל אַריינציען נאָך איינעם אין רעוואָלוציאָנערן אַוואַנגאַרד. אַזוי האָט זי דערקלערט אויף אַ געהיימען טרעף פונעם אַקטיוו.

★

אין די אָוונטן איז באַברושקע געזעסן אין זיין קעמערל אויף גלעזער־גאַס, און פון קלעמעניש וואָס ער האָט פאַרלוירן זלאַטקען

געבלעטערט אין דעם ביכל וואָס זי האָט אים געגעבן. ער האָט געלייענט אַ מעשה וועגן אַ מלחמה צווישן די ווענעציאַנער און די טערקן. די טערקן האָבן פאַרשפּילט די מלחמה און די ווענעציאַנער האָבן אַרויפגעלייגט אויף זיי אַ שטייער, אַז זיי מוזן אויסבויען אומזיסט צען שיפן פאַרן ווענעציאַנער פלאָט. די טערקן האָבן קיין ברירה ניט געהאַט, אלא וואָס, די מאַסטן האָבן זיי געמאַכט פון קליאָנ־ביימער, און ווי נאָר די שיפן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויפן ים, האָבן זיך די מאַסטן איינגעבראָכן, ווייל דאָס האָלץ איז געווען האַרט און טרוקן, ווי די קני ביי אַ זקן. האָט מען געמוזט אויפשטעלן נייע מאַסטן און דאָס פאַרבראַקירטע טערקישע געהילץ האָט מען אָפּגעוואָרפן ביים פּאָרט. ווען אַלטע פידל־בויערס, בעת זיי האָבן שפּאַצירט ביים ברעג פון ים, האָבן אָנגעטאַפּט דאָס האָלץ, איז זיי ליכטיק געוואָרן אין די אויגן: ס׳איז דאָך געבוירן פאַר פידלען. מ׳האָט עס טאַקע באַלד צעשלעפּט, און די גרעסטע מייסטערס אין איטאַליע האָבן עס באַנוצט. אַפילו סטראַדיוואַרי.

אָט די מעשה האָט באַברושקען צעטומלט. אויב מע קאָן פון קליאָנהאָלץ בויען פידלען, איז דאָך ווילנע דער ריכטיקער פּלאַץ דערצו. אין טעליאַטניק וואַקסן קליאָנען, אויך אין בערנאַרדינער גאָרטן. מוז ער דאָך ערגעץ געפינען אַ צעזעגטן בוים אַזאַ.

באַברושקע איז אַוועק צו פונסקין אין האָלצסקלאַד זיך דערוויסן וועגן סחורה. דעם אמת געזאָגט, וואָלט בעסער געווען ווען ער פרעגט מכּוח האָלץ ביי זיין בעל־הבית, באַסטאַמסקי, וואָס האָט געשמט אין שטאָט ווי אַ מומחה, אַ מבין אויף בוק, אויף אָלכע, אויף סאָסנע, אויף אַלע מינים האָלץ אין דער ווילנער געגנט. האָט ער אָבער מורא געהאַט, אַז באַסטאַמסקי זאָל ביי אים ניט אויסכאַפּן דעם איינפאַל און זיך אַריבערוואַרפן אויף בויען פידלען אין זיין סטאָלעריי.

דערזען דעם קונד, האָט פונסקי אַראָפּגענומען די ברילן און געגומען ווישן די גלעזלעך. דערנאָך האָט ער ווידער געקוקט אויף דעם בחור איינגעוויקלט אין רעגן־מאַנטל, כאָטש אין דרויסן האָט געברענט אַ פראָסט. דער איינציקער סימן אַז ס׳איז ווינטער איז

געלעגן אויף באַברושקעס וואַטאָווע היטל מיט די אַראָפּגעלאָזטע לאַפּן איבער די אויערן.

— וואָסטע זאָגן? — האָט פּונסקי אַ פרעג געטאָן.

— איך דאַרף האָלץ — האָט באַברושקע געענטפערט אויף אַזוי קורץ ווי דער קבלת־פּנים, און דערביי אַרויפגעהויבן די לאַפּן פון היטל.

— וואָסער האָלץ?

— קליאָן.

— וואָסער קליאָן?

— נו, קליאָן...

פּונסקי האָט ווידער אויסגעטאָן די ברילן און צווישן איין פּאָר מיט אַ ווייס טיכל איבער די גלעזלעך און אַ צווייטן, האָט ער אויפגעקלערט באַברושקען:

— פאַראַן אַ פעלדקליאָן און פאַראַן אַ קליאָן פון וואַלד. אויף אַ האַלאַבליע איז גענוג אַ פעלדקליאָן. פאַר אַ שליטן, ווו מע דאַרף בייגן דאָס האָלץ, מוז מען שוין נעמען אַ קליאָן פון וואַלד. איז אויף וואָס דאַרפסטו דאָס האָלץ?

באַברושקע האָט זיך געקווענקלט. זאָגן צי ניט זאָגן. צום סוף האָט ער אַרויסגעפּלאַצט:

— צו בויען אַ פידל!

דאָ האָט שוין פּונסקי געלאָזט די ברילן אויף דער נאָז. ער האָט נאָך אַ מאָל אַ קוק געטאָן אויפן קונד און אויסגעצויגן מיט אַ ניגון:

— אַ פידל?!

און טאַקע באַלד האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ איבערן פּינקס מיט די חובות. ער האָט אַפילו ניט געזען ווען דער קונה פון פידלהאָלץ האָט זיך אָפּגעטראָגן פון סקלאַד. בלויז פון פּונסקיס מינע האָט באַברושקע שוין פאַרשטאַנען, אַז יענער זעט אין אים אַן אַנטלאָפענעם פון אַ משוגעים־הויז.

✶

ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט, און די שטאָט האָט זיך דערוווּסט אַז ס׳איז פֿאַראַן אַ נייער פֿאַנטאַזיאָר, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט בויען פֿידלען. פֿונסקי האָט עס דערציילט אין ייִדישן טעאַטער און פֿון דאָרטן איז דער סלוך אַוועק אין וועלפֿקעס רעסטאָראַן אויף ייִדישע גאַס, ווּ חברה־לצים פֿון אַלע באַרופֿן, דער עיקר אַקטיאָרן, האָבן זיך נוהג געווען אונטערצולענען דאָס האַרץ מיט אַ שטיקל געבראָטענער מילץ אָדער אַ ווייצענע לאַטקע.

דער לערער יעקב גערשטיין פֿון דער רעאַל־גימנאַזיע, דער דיריגענט פֿונעם באַרימטן גערשטיין־כאָר, איז געווען ביי וועלפֿקען זייער אָן אָפֿטער גאַסט. ווען ער האָט געהערט וועגן באַברושקען, איז ער אַרויס פֿאַר דעם עולם קיביצער מיט אַ פֿאָרשלאָג, מע זאָל העלפֿן אַלע בעלי־חלומות אין ווילנע זיך אָרגאַניזירן אין אַ פֿאַראיין. ער האָט אויך געפֿונען אַ נאָמען: דער טרוימער־פֿאַראיין. ער האָט געטענהט, אַז ווילנע שווּבלט מיט טיפּן, וואָס יעדער זייערער אָן איינפֿאַל קאָן אַ מאָל איבערדרייען די וועלט.

אַ נאָדל־פֿאַראיין איז פֿאַראַן, אַ דאָקטוירים־פֿאַראיין איז אויך דאָ. אַפֿילו די תהילים־זאָגערס האָבן זייער פֿאַראיין. הלמאַי זאָלן טרוימערס אָפּשטיין?

אויך דער לערער גערשטיין האָט געהאַט זיין פּריוואַטן חלום. דערפֿאַר האָט ער זיך אַזוי איינגעשטעלט פֿאַר באַברושקען. ער, גערשטיין, האָט געחלומט צו שטיין אַ מאָל אויף דער בינע פֿון גרויסן שטאָטזאָל מיט אַן ערך צוויי הונדערט כאָריסטן און אַ סימפֿאָנישן אָרקעסטער, און דער דיריגענט זאָל זיין ניט קיין אַנדערער ווי אַרטוראָ טאָסקאַניני. טאָסקאַניני וועט פֿירן דעם אָרקעסטער און ער, גערשטיין, דעם כאָר — זיינע צוויי הונדערט תלמידים — און שפּילן זאָלן זיי דווקא די ניינטע פֿון בעטהאָווען, ווּ דער כאָר זינגט צום סוף דעם פֿייערלעכן געזאַנג: אַלע מענטשן ווערן ברידער! ווי לאַנג איז דער שיעור צו זינגען „ייִדן שמידן״ אויפֿן פּאָדיום פֿון רעאַל־גימנאַזיע? זאָל די וועלט זיך דערוויסן וואָס דער ייִדישער כאָר אין ווילנע איז מסוגל!

יאָ, דער לערער גערשטיין האָט גוט פֿאַרשטאַנען באַברושקען.

יענער וויל דאָך אויך אַז די וועלט זאָל זיך דערוויסן אַז ווילנע איז מסוגל צו בויען פידלען.

✶

באַברושקע האָט מיט אַ פינף־גראָשן־מטבע אָפּגעשקראָבעט די פראָסטבלומען אויף זיין פענצטער, כדי צו קאָנען זען וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. אין דער נאַכטיקער וועלט האָט זיך גאָרנישט ניט געטאָן. אַ פרוכנער שניי איז געפאַלן אויפן ברוק. דאָס אייז האָט שימערירט דורך דעם ווייסן שיטערן אויסשיט, ווי שערבלעך פון צעבראָכענע פלעשער. אַן עלנטער לאָמטערן האָט באַלויכטן מיט אַ בלעזלדיק ליכט דעם דרויסן.

באַברושקען איז געווען אומעטיק. ער האָט געבענקט נאָך זלאָטקען און נאָכן זומער, ווען ער וועט זיך אַ לאָז טאָן איבער די ווילנער וועלדער, כדי צו געפינען וואָס ער דאַרף. ער האָט קיין ספק ניט געהאַט אַז ער וועט דאָרטן געפינען.

דערוויילע האָט באַברושקע געהאַט אַ מוסטער פאַר אַ פידל. באַקומען עס פון אַ שכנה, וואָהין דער בעל־הבית האָט אים געשיקט פאַרריכטן אַ טיר, וואָס האָט זיך געהאַט אַראָפּגעלאָזט פון די זאַוויעסעס. דער אַלטער באַסטאָמסקי האָט געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר אָט דער שכנה. זי איז געווען אַ קרובה פון קאָמפּאָזיטאָר מאָניושקאָ, וואָס האָט טאָקע אַ מאָל געוווינט אין זעלביקן הויף ווו די סטאָלערײַ געפינט זיך. באַסטאָמסקי האָט געקענט בלויז עטלעכע ווערטער פון מאָניושקאָס אָפּערע „האַלקאָ״, און דאָס האָט געסטייעט פאַר אים אויף יאָרן ברומעניש לעבן וואַרשטאַט. דער סטאָליער האָט זיך געפילט ווי מאָניושקאָס אַ שטיקל מחותן, כאָטש יענער האָט דאָ געוווינט מיט אַן ערך הונדערט יאָר צוריק. אָבער שכן בלייבט שכן . . .

באַברושקע האָט גענומען געצייג און איז אַרויף צו דער שכנה. אויף דער וואַנט, אין פירהויז, איז געהאַנגען אַ פידל אָן סטרונעס און דערביי אַן אויסגעקראָכענער סמיטשיק. די שכנה האָט אים

שפּעטער דערציילט, אַז די פּידל העגנגט דאָרטן פון זינט יענע ווייטע יאָרן, ווען דער באַרימטער קרוב האָט דאָ געוווינט.

זי האָט גערעדט און באַברושקע האָט געטאַפּט דעם הילצערנעם גוף פון דער פּידל, ווי מע טאַפּט אַ גוט שטיקל קאָמגאַרן. דערנאָך האָט ער געפרעגט, אויב ער וועט דאַרפן נעמען אַ מאָס פונעם אינסטרומענט, צי מעג ער אַרויפקומען. די גויע איז געווען אַזוי צופרידן וואָס די טיר האָט אויפגעהערט צו רייבן די פּאָדלאָגע, אַז זי האָט געזאָגט באַברושקען ער זאָל נעמען די פּידל מיט זיך און האַלטן וויפל ער דאַרף.

די פּידל אונטערן רעכטן אָרעם, דאָס קעסטל געצייג אין דער לינקער האַנט, איז באַברושקע אַראָפּ די טרעפּ אַ גליקלעכער. און איצט איז מאַניושקאָס איבערבלייב געלעגן אויף גלעזער־גאָס, אין קאַלטן קאַמער.

אין זלאַטקעס ביכל איז אויך געווען אַן אָפּדרוק וואָס שטעלט פאָר דעם פּידל־בויער אַנטאָניאָ סטראַדיוואַרי אין זיין וואַרשטאַט, אַרומגענומען מיט פאַרשיידענע פּידלען, גרעסערע און קלענערע. אויף די ווענט הענגען כל־מיני כלים: ווינקלדיקע פּיילן, דלאָטן מיט אויסגעדרייטע שפּיצן, משונהדיקע הובלען, לאַנג־אַקסלדיקע צווענגלעך — גאַרניט ווי אין אַ סטאָלעריי. דער מייסטער אַליין איז אָנגעטאָן אין אַ ראָק מיט גרויסע קנעפּ און ברייטע מאַנזשעטן, הויזן ביז איבער די קני און טופּל מיט גרויסע שנאָלן. אין דער רעכטער האַנט האַלט ער אַ פּידל, ווייט אָפּגערוקט פון די אויגן, און שפּיגלט זיך אין איר, ווי אין אַ געראָטן קינד.

באַברושקע נעמט די צעשפּאָלטענע פּידל וואָס האָט אַ מאָל געהערט מאַניושקאָן, שטעלט זי אויך אַוועק, להבדיל ווי סטראַדיוואַרי, אויפן טיש, ווייטלעך פון די אויגן, און שטודירט דעם אײדעלן אויסבייג פון איר טאַליע ביים בידנעם ליכט פון אַ צוואַנציקער לעמפּל, וואָס באַמבלט זיך פון דער סטעליע אויף אַ שטיקל דראָט באַהאָנגען מיט טויטע פליגן.

דער סטאָליער־געזעל איז זייער איבערגענומען מיט דער אײדעלער כּלי וואָס באַהאַלט אין זיך אַזאַ כּישוף־קלאַנג. אַזוי

צאַרט, אַזוי לופטיק, ווען זי האָט פליגלען, פליט זי אַוועק ווי אַ גן־עדן־שמעטערלינג ביז צו די הימלען. אָבער ווו שטעקט דאָס רעטעניש פון אָט דעם געביי ?

באַברושקע האַלט לאַנג, לאַנג די פידל פאַר די אויגן און וויל זייער וויסן וואָס האָט אין איר געזען יענער מייסטער, וואָס ער, באַברושקע, איז ניט מסוגל צו זען. ער טראַכט אַזוי לאַנג ביז ס׳הייבן זיך אָן קלעפּן ביי אים די אויגן און ער ווערט אַנטדרימלט מיטן קאָפּ אָנגעלענט אינעם ברעג טיש.

עס חלומט זיך אים, אַז אויף די אָפּגעקאַלופּעטע ווענט פון זיין קאַמער הענגען ניט־פאַרענדיקטע פידלען און אויך פאַרשיידן געצייג — צירקלען, לאָבזעגן, שפּיקולעס. ער אַליין איז אָנגעטאָן ווי סטראַדיוואַרי, אין אַ ראָק מיט ברייטע מאַנזשעטן און קורצע פּלודערן. אויפן שפּיץ קאָפּ טראָגט ער אַ מין יאַרמלקע, ווי פון אַ בישאָף. אין זיין חלום פאַרנעמט זיך באַברושקע מיט צוגרייטן דעם לאַק פאַר אַ פידל. ער גיסט אַריין אין אַ שיסל פאַרשיידענע פליסיקייטן און מישט זיי אויס מיט אַ הילצערנעם לעפל. פון דער שיסל גייט אויף אַ ברוינער האָניקגלאַנץ. דאָ שלייכט אַדורך זיין חלום זלאַטקעס געשטאַלט. כאַפּט ער זיך אויף, קוקט זיך אַרום, לאָזט איבער די צעשפּאָלטענע פידל אויפן טיש און גייט אַוועק צו זיין שמאָלן געלעגער אין ווינקל פון קאַמער, כדי דאָרטן צו דערשלאָפן דאָס שטיקל נאַכט ביז דער גרויער וואָר.

✱

באַברושקע האָט זיך קוים דערוואַרט אויפן זומער. אין אַ שיינעם זוניקן טאָג האָט ער געמאָלדן דעם בעל־הבית אַז אַ וואָך צייט וועט ער ניט קומען צו דער אַרבעט. אַ מומע פון גלובאָקע האָט אים געהייסן קומען צו פאָרן. עס דרייט זיך פאַר אים אַ שידוך, אַ מיידל מיט אַ קראָם.

אין דער אמתן האָט באַברושקע זיך דערוווּסט פון אַ ניט־היגן בעל־עגלה, וואָס פלעגט אויך כאַפּן אַ ביס ביי איצקע דעם

געלן, אַז ניט ווייט פון דער טראַקער אָזערע האָקט מען וואַלד. דער וואַלד איז טאַקע אַ סאָסנאָווער, אָבער האַרט ביים וואַסער שטייען קליאָנעז. וועט מען זיי אויך אויסהאַקן.

אַט האָט ער אַ פּאַרטיקן אַדרעס אויף דאָבוּוועז האַלץ. ער וועט פאַרשפּאָרן סתם צו גיין איבער פעלדער און וועלדער. אין טעליאַטניק און אין בערנאַרדינער גאָרטן זענען טאַקע אויך פאַראַן קליאָנעז, אָבער וועגן יענע האָט ער אַפילו ניט געטאָרט טראַכטן. ביים מינדסטן זעג פון אַ צווייג וואָלט מען אים געבונדן.

ער האָט אַרויפגעלייגט זיין מאָדעל, די אַנטליענע פידל, אויף אַ בויגן פּאַפּיר, אַרומגעצייכנט די קאָנטורן מיטן סטאַלערשן בלייער און אַריינגעלייגט דעם מוסטער אין רוקזאַק, אין איינעם מיט אַ לאַבן ברויט און אַ האַלבער קישקע ווורשט. און אַזוי האָט ער אָוועקמאַרשירט קיין טראָק, די עטלעכע און צוואַנציק קילאָמעטער. דעם וועג האָט ער גוט געקענט. ניט איין מאָל איז ער יינגלווייז געגאַנגען זיך באָדן אַהין מיט חברים, איידער ער איז אַריין צו באַסטאַמסקין אין סטאַלעריי.

באַברושקע איז אָנגעקומען אין טראָק האַרט פאַר טונקל ווערן. ער איז גלייך אַוועק צו סטאַכן דעם לאָדאַטשניק, ביי וועלכן גאַנץ ווילנע, יונגען און מיידן, האָבן געדונגען שיפלער, כּדי צו קאָנען זינגען לידער אויפן וואַסער, אָדער זיך פאַרקלייבן, פאַרלעכווייז צווישן די געדיכטע קוסטעס אויפן אינדזעלע, אין מיטן פון דער אָזערע. נעכטיקן פלעגט מען ביי סטאַכן אין שייער. דער אַלטער פישער האָט פאַרדונגען די שיפלער מיט אַלע וויגאָדעס און אַפילו פאַרקויפט זויערמילך מיט הייסע קאַרטאָפל. סטאַך האָט באַברושקען געזאָגט, אַז ס'איז טאַקע אמת, מע האָקט אַ וואַלד. אויב ער וויל עפּעס איינהאַנדלען, מוז ער צוּוואַרטן ביז מאָרגן אין דער פרי, ער מעג נעכטיקן אין שייער.

באַברושקע איז געזעסן לעבן שייער און געציילט די שטערן. דער שלאָף האָט אים ניט גענומען. ער האָט געהאַלטן אין איין טראַכטן וועגן מאָרגנדיקן טאָג, ווען ער וועט זיך איינשאַפן האַלץ זיך אומקערן אַהיים און זיך נעמען צו דער אַרבעט. קיינער האָט

אים ניט געשטערט אין זיינע מחשבות, אַפילו ניט די גרילן. אַ וויסלעכער טומאַן האָט איבערגעדעקט דאָס וואַסער, פּאַרטוליעט אַ מינדסטע כוואַליע אינעם פּוכיקן דאַמף. דורכן חושך האָבן בלויז געבלינצלט די שייטערס אין ציגיינער־טאַבאָר וואָס האָט זיך אויס־געלייגט ניט ווייט פון ברעג.

אין דער ערשטער רגע האָט באַברושקע זיינע אייגענע אויערן ניט געגלייבט. פון ציגיינער־טאַבאָר האָט זיך דערטראָגן אַ פידל־קלאַנג. ווייכע טענער האָבן געשוועבט דורך דעם חושך און פאַר־גנבעט זיך אין זיין געמיט. אַ זיסע מעלאָדיע האָט פאַרשיכּורט זיין דמיון און אים פאַרוויגט אין אַ דרעמל, ווו די וואָר גיט זיך אונטער דעם חלום. אָט אַזאַ כּלי, וואָס זאָל אַרויסברענגען אַזעלכענע קלאַנגען, וויל ער, באַברושקע, בויען מיט זיינע הענט. די קלאַנגען וואָס האָבן זיך געטראָגן פון ציגיינער־טאַבאָר האָבן אים צוגעגעבן מוט ער זאָל אויספירן זיין ווילן.

✶

אין אַ טאָג אַרום, נאָך זיין צוריקקערן זיך פון טראָק, איז באַברושקע אַוועק צו דעם איינציקן פידל־מייסטער אין ווילנע, משה וויינשטיין, פרעגן מבינות אויפן האָלץ וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט. גענומען מיט זיך האָט ער בלויז אַ שייטל, פאַר אַ מוסטער. די אַנדערע צוויי גרעסערע פאַלענעס פונעם טראָקער קליאַנבוים האָט ער געלאָזט אין דער היים.

משה וויינשטיין, וואָס אַחוץ פידל־מייסטער איז ער אויך געווען אַ לערער פון מוזיק און טאַקע אַ פידלער מיט אַן אייגענעם טאָן, איז געזעסן אַריבערגעבויגן איבער אַן אַלטוואַקע און געקלאַפּט איר רוקן מיט צוויי פינגער, ווי אַ דאָקטער קלאַפּט אויס ביי אַ צוגעקילטן פאַרשוין די לונגען. ער איז געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין געפינען די מיחושים פון דעם אינסטרומענט, אַז ער האָט גאָר ניט באַמערקט דעם גאַסט וואָס האָט זיך זייטיק אַריינגעשטעלט אין זיין אַרבעט־צימער.

באַברושקע האָט שווער געאָטעמט. ניט קיין וווּנדער. ווײַנשטיין האָט געווווּנט אויפֿן פּערטן גאָרן און באַברושקע האָט זיך אַרויפֿגעשלעפּט צו אים מיט אַ שפּאַר שטיק האָלץ אונטערן אָרעם. דער מייסטער האָט אָפּגעריסן אַ רגע דעם בליק זײַנעם פֿון דער קראַנקער פֿידל און האָט דערזען פֿאַר זיך דעם אויסגעדאַרטן יונגער־מאַן מיטן שטיק האָלץ אין האַנט.

קוים אָפּגעפּטרט דעם גוט־מאָרגן, האָט זיך דער גאַסט פֿאַרגעשטעלט:

— איך בין באַברושקע, פֿון באַסטאַמסקיס סטאָלערײַ.

ווײַנשטיין האָט אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר פֿרעגנדיקע אויגן.

— מ'האָט מיר געזאָגט אַז איר זענט אַ מבֿין אויף פֿידלען.

דער מייסטער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געשמייכלט.

— זענט איר אויך אַ מבֿין אויף האָלץ פֿאַר פֿידלען?

דאָ האָט שוין ווײַנשטיין אַ לאַך געטאָן מיט אַ שטיל, באַשיידן געלעכטערל.

— איך מיין אַז יאָ . . .

באַברושקע האָט אויסגעשטרעקט דעם טראָקער מוסטער:

— טאָ זאָגט מיר מבֿינות אויף אָט דעם קליאָן.

ווײַנשטיין איז אויפֿגעשטאַנען פֿון בענקל, באַטאַפּט דאָס האָלץ און געזאָגט:

— וואָס דאַרף עס זײַן?

— איך וויל פֿון דעם מאַכן אַ פֿידל!

דאָ האָט זיך ווײַנשטיין געגעבן אַ כאַפּ:

— וואַרט, וואַרט, דאָס זײַט איר דער . . . נו, וואָס מע האָט מיר דערציילט אין טעאַטער, אַז ער וויל בויען אַ פֿידל?

באַברושקע האָט אויפֿגעלעבט:

— טאַקע איך. דאָס האָלץ איז פֿון טראָק. אמתער קליאָן. טאָמער דאַרפֿט איר אַ שטיקל פֿאַלענע, וועל איך אײַך ברענגען.

דער מייסטער האָט אָפּגעזיפֿצט:

— יונגער־מאַן, זאָגט מיר, וואָס איז שלעכט צו זיין סתם אַ סטאָליער, ניט קיין פידל־בויער?

— ס'איז מיר נימאס געוואָרן טירן, פענצטער. איך וויל מאַכן אַ לופטיקע זאַך, מיט פאַנטאַזיע.

וויינשטיין האָט לאַנג, לאַנג באַטראַכט דעם בחור. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— בלויז פאַר אָט דער מאַנקאַליע אייערער זענט איר מיר נאָענט צום האַרצן, אַניט וואָלט איך אייך געזאָגט: דרייט ניט קיין קאַפּטור און גייט צוריק צו באַסטאַמסקיס באַנדזעג שניידן לייסטן. אָבער אַזוי ווי איר זענט שוין דאָ, און איר האָט נאָך דערצו אַרויפגעשלעפּט אַ סענקעוואַטן שייטל האָלץ, וואָס איז גוט נאָר אויף אונטערצוהייצן די קהלישע באָד, וועל איך אייך אויפקלערן וואָס אַ פידל איז און מיט וואָס עס שמעקט איר בויען.

וויסן זאָלט איר, מיין קאָלעגע, אַז אַ פידל מאַכט מען פון פאַרשיידענע שטיקער האָלץ. דעם אונטערשטן דעק זעגט מען אויס פון יאָדלע. דעם אייבערשטן — פון סאָסנע. דאָס קעפּל שניצט מען אויך פון סאָסנע. די איבעריקע טיילן שניידט מען פון פאַליסאַנדער.

אַ פידל, זייט וויסן, האָט זיבן און זעכציק חלקים. כ'וועל ניט אויסרעכענען אַלע. און צום סוף, אַז מ'האָט שוין אויסגעשליפן און צוגעפּאַסט אַלע טיילן, קומט דער לאַק. און דאָ הייבט זיך אָן דער בראָך, וואָרעם קיינער ווייס ניט ווי אַזוי די אַלטע מייסטערס האָבן אים געמאַכט. אייניקע זאָגן: פון שמיאַטקע אייער. אַנדערע זאָגן — פון פּיאַווקעבלוט. אַ שלעכטע פאַליטור דערקענט מען אָן איר בייזן גלאַנץ, ווי אַ פּאָר אַפּיצערסקע שטיוול. מיט אַזאַ פאַליטור וויל די פידל ניט שפּילן, כאָטש זעג מיטן סמיטשיק.

נאָך דעם אַלעמען דאַרף מען אַריינזעצן אינעם געבוי אַ נשמה. אָט דאָס שטיקעלע האָלץ וואָס שפּאַרט פונאַנדער ביידע דעקלער איז די נשמה פון דער פידל. אָן דעם איז ניטאָ קיין קלאַנג.

ווילט איר עס זיין דער מייסטער און אויספּאַרטיקן אַזאַ אינסטרומענט?

וויינשטיין האָט זיך דערוואָרעמט מיט די אייגענע רייד. ער האָט נאָך געוואָלט דערציילן און דערציילן באַברושקען וועגן דער כּלי אין וועלכער ער איז אַזוי פאַרליבט. געוואָלט משתּף זיין דעם סטאָליער־געזעל אין דער באַוווּנדערונג פאַר די זיבן און זעכציק הילצערנע חלקים וואָס דערגאַנצן זיך איינס דאָס צווייטע אין איין שלמות. ער האָט אָבער דערזען ווי באַברושקע שטייט אַ פאַר־לוירענער. האָט ער זיך אויסגעטשוכעט און צוגעגעבן:

— איך מיין אַז איר וועט מוזן בלייבן ביים חלום, ניט מער...

איידער ר׳האָט נאָך באַוויזן צו זאָגן אַ טרייסטוואָרט, איז דער בחור שוין געווען הינטער דער טיר. דאָס שייטל האָלץ פון טראָקער וואַלד האָט ער איבערגעלאָזט אויפן דיל.

אין זיין קאַמער אויף גלעזער־גאַס האָט באַברושקע נאָך געפּרוּווט שניצן אַ גריף פאַר אַ פידל פון דעם האָלץ וואָס ער האָט געבראַכט. דאָס האָלץ האָט זיך אַפילו אונטערגעגעבן אונטערן מעסער, אַזוי ווי אַ טייג. פּאַמעלעך האָט ער אָבער פאַרשטאַנען אַז דער פידל־מייסטער משה וויינשטיין איז גערעכט.

ער האָט נאָך געאַרבעט אַ שטיקל צייט אין דער סטאָלעריי, אָבער ער האָט זיך דאָרטן ניט איינגעהאַלטן. אין אַ פראָסטן מיטוואָך האָט ער אָביאַוועט, אַז ער וועט מער ניט קומען. די צעשפּאָלטענע פידל האָט ער נאָך פריער געהאַט אָפּגעטראָגן צו מאַניושקאָס קרובה. די קאַמער אויף גלעזער־גאַס האָט ער אָפּגעזאָגט און ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן פון ווילנע.

יאָרן האָט מען פון אים גאָרניט געהערט. איין מאָל איז געקומען אויף וואַקאַציעס כּאַנאָוויטשעס זון, פון גרויסן טאַנדעט אויף דייטשע־גאַס. ער האָט שטודירט מעדיצין אין איטאַליע. האָט ער דערציילט אַז באַברושקע דרייט זיך אַרום דאָרטן אין איטאַליע, לעבן קרעמאָנאַ. ער וואָלט געשווירן אַז ער האָט אים דערקענט. די דאָרטיקע איינוווינערס האָבן אים דערציילט, אַז אַ פרעמדער וואַנדערט איבער דער געגנט ווי ס׳האָט אַ מאָל געלעבט דער

גרויסער פידל־מייסטער אַנטאָניאָ סטראַדיוואַרי, און פון צייט צו צייט גייט ער אַריין אין אַ וואַרשטאַט בעטן אַ טאָג אַרבעט.

ווייזט אויס, אַז באַברושקע זוכט דאָרטן האָלץ פאַר זיין אויס־געחלומטער פידל. עקשנות פעלט אים ניט. ווער ווייס? אפשר וועט גאָר ווילנע זוכה זיין צו האָבן איר אייגענעם סטראַדיוואַרי פון דער גלעזער־גאַס?

הירשל דער ציגײַנער

הירשל דער ציגיינער

הירשל דער ציגיינער האָט געהאַט אין ווילנע פיין פּרנסה, געפירט אַ שטוב, און חתונה געמאַכט די טאָכטער, זלאַטקען, מיט אַ לייטישן בחור פון מיישעגאָלע. אויך אין נדן איז ער ניט אָפּגעשטאַנען, געסילוקט ווי אַ יוסטער מחותן. און אַלץ מיט זיינע צען פינגער. מערניט וואָס די לעצטע צייט האָבן אים אויפגעהערט דינען די פינגער. אַט ליגט ער אַ צעשלאָגענער אין מיטן האַלצמאַרק אויף זאַוואַלנע־גאַס און קרעכצט צום קלאָרן זומערדיקן הימל: אוי, גאָט, האָסטו מיר געגעבן אַ פּאַר!...

דאָס האָבן אים די פּויערים וואָס זענען אָנגעפאָרן אויפן מאַרק אַזוי צו רעכט געמאַכט. הירשל האָט געצויגן זיין ברויט פון פערד. ניט אַזוי פון פערד ווי פון פערדישע עקן. ער איז געווען דער גלאַוונער צושטעלער פון פערדהאָר פאַר די ווילנער בערשטל־מאַכערס. ער פלעגט אַרומפאָרן אויף ירידן מיט אַ גרויסער שער אונטער דער פּאָלע. נאָך דעם ווי די פּויערים האָבן אָפּגעלייזט פאַר זייער סחורה און זענען אַוועק אויסטרינקען, האָט הירשל זיך גענומען שניידן עקן. פון איין זאַק פערדישע עקן האָט ער מער פאַרדינט ווי ביי אַ וואָגן געשמוכלטן טאַבאַק.

הירשל איז געווען אַ מייסטער. ער האָט געקאָנט אויף בלינד, מיטן רוקן צום פערדישן הינטן, אָפּשניידן אַן עק ביזן ביין, דער פערד זאָל אַפילו ניט פילן.

יענעם טאָג האָט הירשל געהאַט אַ געראָטענעם שניט, שוין געוואָלט נעמען דעם פולן זאַק אויף דער פּלייצע און זיך אָפּטראָגן. איז אים אַריינגעפאַלן אין די אויגן אַ יונגע קליאַטשע מיט אַן עק ביז די קנעכלען. זי איז געשטאַנען אויסגעשפּאַנט פון וואָגן האַרט לעבן דער קנייפּע וווּ די פּויערים האָבן געטרונקען. דעם קאָפּ האָט

די קליאַטשע פּאַררוקט אין דער טאַרבע מיט סעטשקע. הירשל האָט זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן פֿון איר. ער האָט זיך גוט אַרומגעקוקט, געשטעלט אַ טראָט נענטער, און דערנאָך זיך אַראָפּגעבויגן, כּלומרשט אויפֿהייבן אַ שטרוי צו קאַלופּען אַ צאָן, און פֿאַרפּאַרן מיט דער שער אין פֿערדישן עק.

צי ער האָט, אין איילעניש, זיך פֿאַרנומען צו הויך, צי ער האָט מיטן שפּיץ פֿון דער שער אַ קיצל געטאָן דער קליאַטשע — די בהמה האָט אַרויסגעהויבן דעם קאָפּ פֿון דער טאַרבע און זיך צעהירזשעט ווי ביים דערפֿילן אַן אָגער. די טיר פֿון דער קנייפּע האָט זיך ברייט צעעפֿנט און אַ פּויערל מיט אַ רויט פֿאַרשיכּורט פּנים איז אַרויס אויף צעוואַקלטע פֿיס, זיך דערוויסן די סיבה פֿון דער פֿערדישער שימחה. אַז ער האָט דערזען ווי הירשל שטופּט דעם עק אין זאַק אַריין, האָט ער געמאַכט אַ גוואַלד און שוין זענען די פּויערים זיך צונויפֿגעלאָפֿן און זיך גענומען צו הירשלען דעם ציגיינער. איינער האָט זיך אַפֿילו פֿאַרמאָסטן מיט אַ בוקסע פֿון אַ ראָד. אַ גליק וואָס די פּויערים האָבן זיך באַלד גענומען רייסן איבערן זאַק, אַרויסגעכאַפּט די עקן פֿון זייערע פֿערד, און דערווייל פֿאַרגעסן אין דעם צעבלוטיקטן הירשלען. גוטע־ברידער האָבן אים געהאָלפֿן אַנטרונען ווערן פֿון דער מהומה און זיך אָפּטראָגן אַהיים.

✶

הירשל איז אָוועקגעפֿאָרן צו דער טאַכטער קיין מייִשעגאָלע, קומען צו זיך פֿון די קלעפּ. דער איידעם האָט געהאַט לעבן שטעטל אַ שטיקל כּוראַבע. איז ער דאָרטן געזעסן אין הויף, צווישן הינער און קאַטשקעס, און געקוקט צו דער שכנותדיקער לאָנקע, ווי אַ געפּענטעט פֿערד האָט געהיפּערט מיט די צוגעבונדענע פֿאָדערשטע פֿיס איבערן גרינעם שטח און געצופּט די זאַפֿטיקע גראָז. הירשל האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט פֿאַרגעסן זיין פֿאַר־לוירענע פּרנסה און האָט געהאַלטן אין איין מעסטן מיטן אויג

דעם עק פון פערד, ביז די זון איז אונטערגעגאַנגען, און דער אָוונט האָט צעשמירט די קאָנטורן פון דער לאַנקע צוזאַמען מיטן פערד.

אין דער פינצטער האָט ער אָנגעהויבן מאַכן אַ שטיקל חשבון־הנפש. אַן אַלמן איז ער; פון מאַרק האָט מען אים פאַרטריבן; קיין יונגער־מאַן איז ער שוין ניט; די טאָכטער האָט ער פאַרזאָרגט. איז טאַקע די רעכטע צייט אָוועקצוּוואַרפן די שער. איי, עס ציט פּאַרט צו פערד, וועט ער אָנהייבן האַנדלען מיט פערד: דינגען אַ שטאַל אויף ווילקאָמירסקע, ווּ עס הייבט זיך אָן דער טראַקט קיין מיישעגאָלע און אויפקויפן בראַקאָוונע בהמות. מ׳עט זיי צופּוצן, אויסקעמען און אַרויסגיין זיי פאַרקויפן, ווייטער פון ווילנע, ווּ ער, הירשקע, איז ניט אַזוי באַקאַנט.

ער האָט נאָך געוואָלט איבערטראַכטן עטלעכע פּרטים, האָט ער אָבער דערהערט דער טאָכטערס פאַרכריפּעטן רוף:

— טאַטע, גענוג צו לופטערן די וואָנצעס! קום אַריין נעמען אַ ביסל צוואָרעך!

*

ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט, האָט מען שוין געוווּסט אין אַלע אַכסניות אויף קליין־סטעפן־גאַס, אַז הירשקע דער ציגיינער קויפט אויף אַלטע פערד, פגירות. ער אַליין האָט דערציילט, אַז ער איז אַריבער אויף מיסחר מיט פעל, אָבער די גאַרבערס האָבן געלייקנט.

הירשל האָט געדונגען אַ שטאַל מיט אַ צעלעכערטן דאַך און אויפגעקויפט אַ ביסל בראַק. דער שטאַל האָט אויסגעזען ווי אַ מושב־זקנים פאַר פערד. ווּ נאָר אַן אויסגעקראָכענע לאַמאַגע, איז זי געגאַנגען אין הירשלס רעמיזע. ער האָט געוווּסט אַ פּאָר פּאָרטלען אויפצולעבן אַ פּאַדלע האַרט פאַרן יריד, אָבער עס זענען אים אונטערגעקומען עטלעכע שקאַפּעס, וואָס מען האָט שוין געדאַרפט זיין אַ מומחה אויפצוהייבן זיי די קעפּ פון דער ערד.

האָט ער באַשלאָסן אַריינצוגיין צו פרענציקן דעם שוסטער.

יענער האָט אַ מאָל פּלאַנירט צו פאַרשענערן חיות. ער האָט, למשל, געוואָלט איינגעווינען אַ הונט משתּין צו זיין מיטביידע פאָדערשטע לאַפּעס אָנגעשפּאַרט צו דער וואַנט, ווייל אַזוי איז שענער. איז אָבער גאָרנישט ניט געוואָרן דערפון און ער האָט עס אויפגעגעבן. איז הירשל געגאַנגען צום שוסטער כאַפּן אַ וואָרט, אפשר פאַרשטייט ער ווי צו פאַרשענערן אַן אַלטע קאָבילע, מע זאָל קאָנען פאַרנאַרן אַ קונד אויפן יריד.

— פרענציק, איך דאַרף אַן עצה וועגן עלטערע קאָבילעס — האָט הירשל דער ציגיינער אַ זאָג געטאָן אין איין אָטעם.

דער שוסטער האָט ממשיך געווען זיין אַרבעט און אויסגעבורטשעט:

— וואָס פאַר אַן עצה?

— איך מיין, אפשר האָסטו אַ זאַלב, אַ פּודרע?...

פרענציק האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און קרומלער אָנגעקוקט הירשלען:

— וואָס הייסט אַ זאַלב, אַ פּודרע? די קאָבילע שטייט אין שידוכים?

— נו, — האָט הירשל פאַרלוירן ס'געדולד — מע זאָל זי קאָנען אַרויספירן אויפן יריד...

פרענציק האָט אָפּגעלייגט דעם קאָפּול וואָס ער האָט געהאַט פאַרקלעמט צווישן די פיס און אויסגעריבן ביידע הענט אינעם פאַרטעך.

— אויפן יריד זאָגסטו? און איך האָב געמיינט אונטער דער חופּה. איי, הירשל, ווי זאָל איך דיר געבן צו פאַרשטיין אַז איך האָב ניט געהאַט קיין שיינקייט־סאַלאָן. עצות ווי צו שמינקעווען בהמות דאַרפסטו זוכן אין פאַריקמאַכערסקע... וויסן זאָלסטו הירשל, אַז פון אַלט קאָן מען יונג ניט מאַכן. אַן אַלטע מאָד קאָנסטו פאַרשמירן מיט אַ נדן, אָבער אַן אַלטע שקאַפּע? אין דער נאַטור איז ניטאָ קיין צאַר־מאַר. פאַראַן געזעצן, אַזוי האָט מיר געזאָגט, ניט סתּם אַן אורקע, נאָר אַן אמתער לערער, ניט דיין שכל און ניט מיינער וועט עס באַנעמען. אויב די נאַטור האָט אַזוי

געמאַכט, מן־הסתם דאַרף עס זיין אַזוי. טשעפּע ניט! זעסט אַ שיינע זאַך, לאָז זי לויפן, הנאה האָבן. זעסט אַן אַלטע שקאַפּע, לאָז זי אויסגיין אויף דער פּאַשע מיט דעם זיסן טעם פון דער לעצטער קאַנישינע אין אַנציינערדיקן מויל. קיין עצות פאַר לינקע ספּראַוועס האָב איך ניט.

✶

הירשל דער ציגיינער האָט זיך גאָר ווינציק איבערגענומען מיט פּרענציקס לערע. ער האָט געפונען אַ שותף, אַ טאַטער, וואָס איז אַרויס פון דער לוקישקער תּפיסה פאַר גנבענען פערד און האָט געזוכט ווי דעם קאָפּ אַוועקצולייגן אין דער פרעמדער שטאָט. אָט דער טאַטער איז געווען אַ „פּראָפעסאָר" אויף פערד. מיט אים האָט הירשל דער ציגיינער אַוועקגעשטעלט זיין שיינקייט־סאַלאָן. איינגעהאַנדלט אַ פערדל אין די יאָרן, האָט דער טאַטער גענומען עס באַאַרבעטן. קודם האָט ער דער נבלה אויסגעשייערט די זייטן מיט אַ האַרטער שטרויבאַרשט. דערנאָך האָט ער דעם קרבן פאַר־בונדן די אויגן און געפּענטעט די פיס, עס זאָל זיך ניט קאָנען רירן און ניט זען וואָס מען גייט אים אָפּטאָן. מיט אַ פייל האָט ער גערייניקט דעם פערדס ציין, אַראָפּגעסקראָבעט דעם געלן אָנוווקס, ביז די ציין זענען געוואָרן בלאַנק־ווייס, ווייל דער קונה קוקט ראשית־כּל דעם פערד אין די ציין. דערנאָך האָט ער צוגעשמירט מיט געהעריקער פאַרב די פליכן אויף דער פעל און פאַרשליפן די קאָפּיטעס. צום סוף האָט דער טאַטער געמאַכט דעם פערד אַן איינשפּריצונג פון אַרשעניק, אַזוי אַז אַ גוטע פאַר שעה איז די שלאַבעריקע קלומפּע געווען לעבעדיק און לוסטיק, זיך געריסן פון די לייצעס און זיך פאַרמאַסטן אין אַ גאַלאָפּ.

✶

דער האַנדל מיט די האַלב־געפגרטע פערד האָט געבליט. דער טאַטער האָט געפּוצט און געשייערט, און הירשל איז געפאָרן מיט

דער סחורה אויף ווייטע ירידן. צוויי מאָל אויפן זעלביקן אָרט האָט ער מורא געהאַט צו פאָרן. ער האָט זיך געסטאַרעט צו קירצן דעם משא־ומתן, אַבי דורכצוקומען און אַנטרונען ווערן.

הירשל איז געקומען צו אַ שיינעם קאַפּיטאַל, אָבער גליקלעך איז ער ניט געווען. עפּעס האָט אים געטאַטשעט. נאָך יעדן פאַרקויף פון אַ פאַרטינקעוועטן פערדאַטש איז אים געבליבן אַ ווידער־טעם. ער האָט דאָך באַעוולט דעם פויער. יענער גיט אַוועק די פּאָר גילדן פאַר אַ פערד צו שלעפּן דעם אַקער אָדער פירן וויאָזקעס האָלץ אין שטאָט אַריין. מילא, אַז מע שניידט אָפּ אַן עק, קאָן דער פערד אויסקומען אָן דעם. מיט דער צייט וואַקסט אַ נייער עק. דער פויער האָט ניט קיין שאָדן. אָבער איצט? טיף אין האַרצן האָט ער געוואָלט ס׳זאָל זיך צעטרענען ס׳געשעפט.

ס׳איז אויך אַוועק אַ סלוך אין דער גאַנצער געגנט, אַז די אַלע שקאַפּעס וואָס פאַלן פון די פיס נאָך צוויי מאָל אַ צי טאָן די לייצעס, שטאַמען פון ווילנע. די אָפּגענאַרטע פויערים האָבן אויסגעמאָלט הירשלס צורה: אַ ברוין פּנים, טאַקע ווי ביי אַ ציגיינער, וואָנצעס פון אַ שליאַכטשיץ, גייט אָנגעטאָן אין גאַליפע מיט געלע שטיוול, אויפן קאָפּ אַ גראַנאַט־היטל מיט אַ לאַקירטן דאַשיק. פאַרנט האָט ער אַ גאָלדענעם צאָן.

✶

דער טאַטער האָט זיך ניט איינגעהאַלטן. אויסגערוט די ביינער, געקומען צו אַ פּאָר גילדן, איז ער ווידער אַוועק גנבענען פערד. אין איינער אַ נאַכט האָט ער אָפּגעשטאַט אַ וויזיט ביים פּריץ הוואַלד. דער טאַטער האָט זיך דערוווּסט, אַז אין זיין קאָנושנע איז פאַראַן אַ פערד אַ צאַצקע, אַן ענגלישער רייטפערד, אַ מוסטאַנג, מיט אויסגעטאַקטע גלידער. אויך פון גרויס ייחוס: זיין זיידן האָט אַן אַראַבישער שייך געהאַלטן אין אַ שטאַל מיט קרישטאָלענע לאָמפּן און שפּיגלען.

ווען דער טאַטער האָט אַריינגעפירט הוואַלדס פערד צו

הירשלען אין שטאַל, איז ליכטיק געוואָרן אין אַלע ווינקעלעך. אַזאַ אַגער איז נאָך ביי הירשלען ניט איינגעשטאַנען. זיין גאַנצע פּאַסטאַווע האָט געאָטעמט מיט מלכות. דער פערד האָט גערייניקט אונטער זיך דאָס שטיקל באָדן מיט זיינע שלאַנקע פיס און געפּאַרשקעט פון זיך דעם פאַרדומפּטן אַוויר. דאָס איידעלע באַשעפעניש האָט געדרייט דעם האַלדז אין אַלע זייטן, ווי געזוכט עמעצן צו פרעגן ווו איז עס דאָ אַריינגעפאַלן. אַזאַ ווייס פערד פאַסט פאַר משיחן! — האָט הירשל געוואָלט אויסרופן, אָבער ער האָט זיך גלייך באַטראַכט: וואָס ווייס אַ טאַטער וועגן משיחן?

דער טאַטער האָט דערציילט הירשלען פון וואַנען ער האָט דעם אַגער געבראַכט און געזאָגט אַז מען דאַרף אים אַריבער־שמוגלען קיין ליטע, דאָרטן וועט מען קענען נעמען פאַר אים טויזנטער. אָבער פריער מוז ער דעם פערד איבערפאַרבן אויף שוואַרץ. מע זאָל אים ניט דערקענען.

הירשל דער ציגיינער איז אויפגעקאַכט געוואָרן. מילא, איבער־שמירן אַ בראַקאָוונעם פערד, וואָס שטייט שוין מיט איין קאָפּיטע אין קבר, איז נאָך ווי ס'איז. אָבער פטרן אַזאַ קראַסאַוויעץ? פון די פאַרבן וועט ער אין אַ פאָר וואָכן אַרום באַקומען אַ בייסעניש און די זיידיקע פעל זיינע וועט זיך אָנהייבן שיילן פּאַסנווייז. הווואַלדס פערד האָט נאָך אַ גאַנץ לעבן פאַר זיך, פולע קאָרעטעס האָבער, קראַשקעס צוקער, פּייערדיקע קליאַטשעס.

הירשל האָט זיך דערמאָנט אין פרענציקס ווערטער: „זעסט אַ שיינע זאַך, לאָז זי לויפן, הנאה האָבן...״ — ער איז טאַקע גערעכט, דער שוסטער.

דער טאַטער האָט אין האַלב־טונקל זיך געפּאַרקעט ביים עמער פאַרב. ער האָט ניט באַמערקט ווי הירשל האָט אַ נעם געטאָן זיין שער און איבער־געשניטן די פּעטליע מיט וועלכער דער פערד איז געווען צוגעבונדן צו אַ ריגל אין דער וואַנט. דערנאָך האָט הירשל אָן עפן געטאָן די טיר פון שטאַל און מיט אַ זהאַרבן פליעסק אין פערדישן הינטער־חלק, האָט ער מקיים געווען פרענציקס תורה. דער מוסטאַנג האָט אַרויסגעשאָסן פון שטאַל ווי אַ האַרמאַטן־קויל. די

לבנה האָט זיך געריסן דורך עטלעכע וואָלקנס און באַלויכטן זיין וועג צו דער פריי, ביז ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן צווישן די ביימער וואָס ציען זיך ביים ראַנד מיישעגאָלער שאָסיי.

תּחילת איז הירשל געווען זיכער אַז דאָס באַפרייען הוואָלדס פערד וועט זיך ענדיקן אויף נאָס. ער האָט אַפילו אָנגעגרייט אַ פּאַדקעווע, טאָמער וואַרפט זיך דער טאַטער, זיין שותּף, אויף אים. אָבער דער טאַטער האָט בלויז אַ פאַרחידושטער געקוקט אויף אים ביי דער שיין פונעם נאַפטלעמפּל. דערנאָך האָט ער גענומען צונויפקלייבן זיין געצייג: די פענדזלען, די דלאָטן, די שטרוי־באַרשט, די צוואַנגען, דאָס מעסער וואָס מיט אים האָט ער געעפנט אַ בעלמע, די פייל און די באַנקע מיט צינקמאַסט, צו פאַרשמירן אַ ביס פון אַ פלעדערמויז; אויך דאָס בינטל רויטע סטענגעס צוצוגעבן חן אַ קאָבילע, אַ זקנה. ער האָט דאָס אַלץ פאַרשטופּט אין אַ זאַק, אים פאַרוואָרפן איבערן אַקסל, און איז אַרויס אין דער נאַכט, אָן אַ זיי־געזונט...

הירשל האָט אַוועקגעוואָרפן די פערדישע בראַנזשע און אַריבער צו סעדעריי. איז ער איין מאָל אַוועק צום פריץ הוואָלד פאַכטן ביי אים אַן עפּלסאָד. באַצאָלט דאָס געלט, האָט ער געבעטן ביי הוואָלדן ער זאָל אים באַווייזן דעם פערד, וואָס מען האָט געוואָלט אים צוגנבענען פאַר זיין שיינקייט. דער פריץ איז געוואָרן לענגער און ברייטער פון נחת. האָט ער הירשלען אַריינגעפירט אין שטאַל.

הירשל וואָלט געשוואָרן, אַז דער פערד האָט אים דערקאָנט. דער מוסטאַנג האָט זיך צעהירזשעט, אויפגעהויבן די אויבערשטע ליפּ איבער די גרויסע ציינער, אַזוי ווי געשמייכלט צו אים. הירשלען האָט פלוצעם אַ צי געטאָן צום אַלטן פאַך. נאָר ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ס'איז שוין ניט די יאָרן, ניט די כּוחות. האָט ער זיך באַנוגנט מיט אַ גלעט טאָן דעם שטאָלצנעם הינטער־חלק פון דער איידעלער בהמה, זאָגן אַ דאַנק דעם פריץ, און אַרויסגיין פון שטאַל מיט אַ טעמפּער בענקשאַפט אין האַרצן נאָך יענע טעג, ווען ער האָט זיך געדרייט אַרום פערד.

די קאַץ

די קאַץ

די מאַמע האָט ליב געהאַט בעלי־חיים. זי האָט געהאַלטן אין שטוב אַ קאַץ, אַ הונט. אויך אַ פאַרחלשטער שפּערל, וועמען זי האָט אַריינגענומען זיך אָפּטשוכען פון אַ גרויסן פראָסט, איז שוין געבליבן אַ שטענדיקער תושב. די קאַץ מיט דעם הונט זענען נאָך געווען קליינע, האָט דער פויגל געקאָנט וווינען ביי אונדז אָן סכנה.

פּסח־צייט האָט די מאַמע אַראָפּגעריסן די פּאַסן פּאַפּיר פון די שפּאַלטן אַרום די דאָפּל־פּענצטער און זיי ברייט געעפנט פאַר דעם זוניקן פרילינג־גרוס. דער שפּערל האָט זיך נישט געריסן צו דער פריי. ער איז געשטאַנען אויפן ברעג פונעם רוסישן באַקאויוון אין דער קיך, שטאַרק באַשעפטיקט מיט אַרויסשנאָבלען אַ זלידנעם מוק פון אונטער דעם רעכטן פליגל. די מאַמע האָט געטריבן דעם שפּערל מיט אַ ברעג פאַרטעך, גערעדט צו אים:

— פלי, בהמה, ס'איז דאָך דיין וועלט.

האָט דער פויגל געגעבן אַ פלי ביז צום עסטיש אין דער סטאָלאָווע און זיך גלייך צוריקגעקערט צו זיין שטאַמאָרט אויפן אויוון. די מאַמע האָט אויפגעגעבן איר טרייבן דעם שפּערל אַרויס־פליען אין גאַס און אָנהויבן לעבן אויפן אייגענעם מיסט... זי האָט בלויז באַדויערט:

— זיך אָפּגעוווינט פון זוכן אַ וואָרעם, כאַפּן אַ פליג...

אַזוי איז דער פויגל געבליבן אין שטוב. דער טאַטע, פאַרמוחעט גאַנצע טעג מיט טעאַטער, אַקטיאָרן און דורכגעפאַלענע פּרעמיערעס, איז אויך געוואָרן טשעקאַווע אויף דער באַשעפעניש, וואָס האָט פאַרקויפט די פרייהייט פאַר אַ זיכער שטיקל ברויט.

דער שפּערל האָט אַנטיילגענומען אין אַלע מאָלצייטן. אַפילו זיך געשטעלט אויפן ראַנד פון אַ טעלער און געכאַפּט פון דאָרט אַ פּערלגרויפּ אָדער אַ ברעקל ברוינע קאַשע. דער טאַטע האָט

געהאַט איין טענה — פֿאַר וואָס האָט ער, דער פֿויגל, אַזעלכע גזלנישע אויגן, ווי ביי אַ ראָב. די מאַמע האָט עס אַזוי דערקלערט:

— ער איז פֿאַרהונגערט... יעדער הונגעריקער קוקט אויס ווי אַ גזלן...

אין פֿריען האַרבסט, דער רעגן האָט אָנגעהויבן איבערלאָזן פּלאַכע לוזשעס. שאָטנס זענען געקראָכן אין אַלע ווינקלען פֿון דער גרויסער קיך, האָט די מאַמע געפֿונען דעם שפּערל ליגן אויפֿן אויוון מיט די פֿיסלעך איינגעקאַרטשעט צום בויך, און די אויגן, די גזלנישע, פֿאַרגלייזט צום סופֿיט. די מאַמע האָט געשאָקלט מיט קאָפּ, פֿאַרגעוואָרפֿן דעם טויטן פֿויגל:

— די בעבלעך פֿון טשאָלנט האָבן זיך דיר געוואָלט...

זי איז געווען זיכער, די מאַמע, אַז נאָר דאָס האָט פֿאַרשאָדט דעם שפּערל.

— מען זעט דאָך — זיך איבערגעפֿרעסן...

מיט פֿאַרביסענע ליפּן, ווי נאָך אַן איבעררייד מיט אַ שכנה, האָט די מאַמע איינגעוויקלט דעם פֿויגל אין אַ ריינער שמאַטקע. זי האָט אים באַגראָבן האַרט ביים וואַנט פֿון גאונס קלויז. מיר האָבן געוווינט אין ווילנע אויפֿן שולהויף, ווו ס׳זענען געשטאַנען קלויזן אויף קלויזן, בתּי־מדרשים אויף בתּי־מדרשים. די גרויסע שטאָטשול, דער ייִדישער שטאָלץ, איז אויך געשטאַנען אויפֿן שול־הויף. האָט די מאַמע דווקא אויסגעקליבן מקבר צו זיין דעם פֿויגל ביים וואַנט פֿון דעם ווילנער רבי אליהו גאונס קלויז. דאָרט האָט מען די ערד געדאַרפֿט אויסדלובען מיט אַ האַקמעסער, אין דער צייט ווען אַרום מיסטקאַסטן איז די ערד געווען ווייך און נאַכגיביק.

איך האָב נישט איינגעהאַלטן מיין נאַרישע צונג און אויס־געשאָסן:

— מאַמע, וואָס דאַרף מען זיך מאַטערן, גראָבן נעבן גאונס קלויז?

האָט די מאַמע געענטפֿערט:

— אפשר וועט דער פֿויגל דאַרפֿן אַ זכות אין הימל...

✶

זענען געבליבן אין שטוב דער הונט און די קאַץ. דער טאַטע איז געקומען פון טעאַטער און געמאָלדן דער מאַמען, אַז באַראַטאַוו, דער גאַסטראָליאָר, פאַדערט אַ לעבעדיקן הונט צו דער פאָרשטעלונג. ער האָט געהערט, אַז זאַסלאַווסקי, דער פריערדיקער גאַסטראָליאָר, איז אין „טביה דער מילכיקער״ אַרויפגעפאָרן אויף דער בינע מיט אַ וואָגן און אַ לעבעדיקן פערד, וויל ער, באַראַטאַוו, באַווייזן, אַז ער קאָן אויך די קונץ. וועט זי מוזן ברענגען איר פּופּילעק יעדן אָוונט אין טעאַטער אַריין.

די מאַמע איז נישט געווען גליקלעך פון דעם גאַנצן עסק. זי האָט פיינט געהאַט טעאַטער. אויך אַקטיאָרן האָט זי נישט ליב געהאַט. אַ מענטש אָן אַ פּאָר, האָט זי געטענהט, איז קיין מענטש נישט. זי האָט אַ גאַנץ לעבן געטאַטשעט דעם טאַטן פאַר וואָס ער האָט פאַרוואָרפן דרוקעריי און אַוועק צו אַזאַ ביטערן געשעפט ווי טעאַטער, ווו מען האַנדלט מיט שפּינוועבס. די מאַמע האָט יאָ געהאַט אַ באַרוף. זי האָט מיידלוויז געשטאָפּט פּאַפּיראָסן אין דער ווילנער ציגאַרעטן־פאַבריק סייסמאַן און דורונטשע. איצט האָט זי צוגעפּראַוועט אַ ציבעלע מיט הערינג פאַרן טאַטן און אים דערביי געפרעגט:

— פון וואַנען ווייסטו, אַז דער הונט וויל גאָר שפּילן טעאַטער?

דער הונט האָט טאַקע נישט געוואָלט שפּילן. אָבער ער האָט זיך זייער געפּאַסט פאַר דער ראָל. באַראַטאַוו האָט געשפּילט דעם וואַגאַבונד אין גאָרקיס „אויפן דעק״, און געדאַרפט, נישט קיין ראַסאַוון דאָבערמאַן, נאָר אַ פּראָסטן, שוואַרצן קונדעל. די מאַמע האָט געדאַרפט העלפן אין פרנסה, איז זי אַוועק מיט איר הונט אין טעאַטער. ווי נאָר באַראַטאַוו האָט אים אַרויפגעפירט אויף דער בינע, אין דער הונט געוואָרן ווילד פון דער ראַמפּעליכט. ער האָט אַראָפּגעריסן ביים גאַסטראָליאָר אַ שטיק קאָלאָשע פון די הויזן און אַנטלאָפן, מיטן רימען אויפן האַלדז, צו דער מאַמען הינטער די קוליסן. דער הונט האָט געיאָמערט און געיענטשעט ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט קינד. די מאַמע האָט אים גענומען אויף די הענט און פאַרלאָזט דעם טעאַטער מיט אַ בייז וואָרט אויפן טאַטן

און דאָס גאַנצע געשעפט. אַ גליק נאָך, וואָס באַראַטאָוו האָט געשפּילט אַ וואַגאַבונד, האָט ער נישט געדאַרפט לויפן בייטן די הויזן און די פאַרשטעלונג איז געגאַנגען ווייטער. דער עולם האָט געמיינט, אַז עס דאַרף אַזוי זיין און געפּאַטשט בראַוואָ. סיאַמקע קאַגאַן, דער טעאַטער־קריטיקער אין דער צייטונג „ווילנער טאָג", האָט דערנאָך געשריבן זייער אַ גוטע רעצענזיע וועגן דער מאַמעס הונט און דער רעזשי.

✶

די גרוי־געלע קאַץ, ווי אַ רויער צימעס, און דער שוואַרצער הונט האָבן געלעבט אין שטאַרקער פריינדשאַפט. געגעסן פון איין שיסל. שכנים פלעגן אַריינקומען זען דאָס בייזע וווּנדער ווי אַ הונט מיט אַ קאַץ טיילן זיך מיטן ביסן. קיין גרויסע לוקסוסן האָט זיי די מאַמע נישט געגעבן. וואַסערדיקע מילך, אַ ביסל פליישיקע זופּ. פרייטיק האָבן זיי זיך אָפּגעכאַפּט פאַר דער גאַנצער וואָך. דער הונט האָט באַקומען צו גריזשען די איבערגעבליבענעביינער פון דער פּעטשאַ און דער קאַץ איז צוגעפאַלן דאָס גאַנצע פיש־אינגעווייד. ביידע אָפּגעגעסן, האָבן זיי זיך פאַרנומען כאַפּן אַ דרימל. די קאַץ האָט אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויפן הונטס בויך און די מאַמע האָט געקליבן נחת ווי פון אַ זיווּוג מן השמים.

דער טאַטע האָט אין דעם זיווּוג נישט געגלויבט.

— רחל, די קאַץ שפּילט טעאַטער...

די מאַמע האָט אָנגעשטעלט אויפן טאַטן אירע קאַרע אויגן, וואָס מיר, קינדער, האָבן געגוי געוווּסט ווי שטאַרק ער האָט ליב זייער אָפּגלאַנץ.

— וואָס הייסט?...

— אין גוטן מוט וועט זי נאָך אַ מאָל אים ווייזן אירע נעגל. איך גלויב נישט דער קאַץ פונדאַנעט אַהין. זי וועט זיך אַ מאָל אויך אויף דיר וואַרפן.

די מאַמע האָט דערווידערט:

— אַ קאַץ איז טרייער פון אַ מאַן.

דער טאַטע האָט געשמייכלט. ער האָט געוווסט ווו די מאַמע צילט. עס איז איר אין גאַנצן נישט געפעלן וואָס די אַקטריסע פראַניע ווינטער מאַכט קאָמפּלימענטן דעם טאַטן, אַז מיט זיין באָרד זעט ער אויס ווי אַ גרוזינער גראַף. דער טאַטע האָט אָנגעהויבן אָפּטער באַזוכן דעם פאַבריקמאַכער. די מאַמע איז געווען אייפערזיכטיק, אומזיסט און אומנישט. זי איז געווען דעם טאַטנס ערשטע ליבע. אויך די לעצטע. דאָס זעלבע ביי דער מאַמען. זי איז געווען זייער אַ שיין מיידל. אַזוי האָבן באַקאַנטע דערציילט. מיט אַ קאָפּ טונקל־בלאָנדע האָר ביז איבער די אַקסלען, און אַן איידל־געשניצט פנים. ס׳איז געקומען אַ ציגאַרן־סוחר פון דער שטאָט מעץ, וואָס אין עלזאַס־לאָטארינגען, קויפן טאַבאַק־אויס־אַרבעטונגען אין דער פאַבריק, ווו די מאַמע איז געשטאַנען ביי אַ מאַשין. האָט ער געפּסקנט, אַז אַזאַ שיין מיידל דאַרף נישט מאַכן קיין פּאַפּיראָסן, נאָר זיי פאַרקויפן. דער סוחר האָט זי מיטגענומען קיין דייטשלאַנד. די מאַמע איז שוין דאַן געווען אַ קיילעכדיקע יתומה, איז נישט געווען ווער ס׳זאָל זאָגן אַן אַכצן יאָריק מיידל נישט צו פאָרן אין דער פרעמד, צו אַן אומבאַקאַנטן דייטש מיט וואָנסן אַלאַ קייזער ווילהעלם. דער סוחר האָט זי געהאַלטן ווי אַן אייגן קינד, געהיט זי זאָל זיין ביי זיך אין צימער נישט שפּעטער פון צען אין אָוונט.

די מאַמע איז שוין דאַן געגאַנגען צוזאַמען מיטן טאַטן אויף סכאָדקעס אין זאַקרעטער וואַלד. ביידע האָבן זיי זיך פאַרנומען אַראָפּצוזעצן דעם צאַר, פאַרלאָזט זי גאָר ווילנע און גיט אויף דעם קאַמף קעגן דעם דעספּאָט. דער טאַטע האָט דאַמאָלסט געאַרבעט אין דער דרוקעריי פון ראָזנקראַנץ און שריפטזעצער. ער איז דאָרט געווען דער יִינגסטער זעצער. מען האָט דאָרט זייער געהאַלטן פון אים. האָט ער אַלץ אַוועקגעוואָרפן און אַוועק קיין פראַנקפורט, דערגאַנצן זיינע ידיעות אין פאַרבן־דרוקעריי. איין מאָל אין די מאַמע געשטאַנען אין ציגאַרן־געשעפט, אין מעץ, און באַדינט קונדן. האָט זי דערזען דעם טאַטן דורך דער גלעזערנער

אַריינגאַנג־טיר. זי איז אַרויסגעלאָפן צו אים מיט איין האַנט אויפן צעברויזטן בוזעם און אַ פאַרוווּנדערטע געפרעגט:

— משה, וואָס טוסטו דאָ?

האָט איר דער טאַטע רויִק געענטפערט:

— כ'בין געקומען קויפן פּאַפּיראָסן...

אַזוי האָט די מאַמע דערציילט אין אַ גוטער מינוט.

אַזוי האָבן זיי חתונה געהאַט און געקומען צוריק קיין ווילנע. דער מאַמען האָט בלויז פאַרדראָסן, וואָס דער טאַטע האָט פאַר־וואָרפן די דרוק און אַוועק מאַכן אַ טעאַטער, ווי ער האָט עס געזען אין פראַנקפורט. אָט דער פאַרדראָס האָט אַ גאַנץ לעבן געטליעט אין דער מאַמעס האַרץ, אָבער נישט אַרויסגעשטופּט פון דאָרט די ליבשאַפט צו דעם יונגן־מאַן מיט דעם פעך־שוואַרצן בערדל, וואָס איז געקומען אַזש קיין מעץ קויפן ביי איר ציגאַרעטן...

*

די קאַץ האָט זיך געהאַלטן זייער ריין. געוואָלט עפּעס, איז זי אַרויפגעשפּרונגען דער מאַמען אויפן שויס און געמיאַוטשעט. האָט די מאַמע זי אַרויסגעלאָזט אין דרויסן, אַפילו אין די גרעסטע פראָסטן. מיט דעם הונט איז געווען צרות. ביז די מאַמע האָט אים אויסגעלערנט טאָן ווי די קאַץ, איז די שטוב געווען זיין קעניגרייך. די מאַמע האָט געהאַט אירע לערן־מעטאָדן. זי פלעגט דעם בעל־דבר צושלעפּן צו זיין אוצר און אים פאַרשפּרעכן:

— בורדזוק! האָסט עפּעס צו זאָגן, גיי און דראַפּע אין טיר.

דערנאָך האָט זי אים צוגעפירט צום טיר און מיט זיין לאַפּע אים געוויזן וואָס ער האָט צו טאָן.

דער טאַטע האָט נישט געהאַלטן פון די לימודים, ווייל וואָס קאָן אַ הינטישער קאָפּ אויפנעמען? די מאַמע האָט דערווידערט:

— אַ הונט האָט מער שכל פון אַן אַקטיאָר...

זי איז גערעכט געווען, די מאַמע. דער הונט האָט זיך אויס־געלערנט דראַפּען אין טיר.

אַ גאַנצן טאָג האָבן דער הונט און די קאַץ געהאַט צו טאָן מיט זיך. אָפּגעגעסן, זיך אויסגעשלאָפן, איז אַוועק אַ יאָגעניש און אַ לויפעניש פון איין צימער אין אַנדערן. יונג זענען זיי ביידע געווען. אויך פאַרשיכּורט פון דער מאַמעס גלעט. ביידע חיות האָבן זיך געקלאַמערט איינע אין אַנדערן, ווי צירק־קעמפער, געמאָסטן די כּוחות. זיך געביסן מיט אָפענע פּיסקעס, זיך געכאַפּט פאַר די גאָרגלען. ביז דער הונט האָט איין מאָל גאָר פאַרגעסן ווו ער האַלט אין דער וועלט און געפּרוווט ווערן אַ מאַן אויף דער קאַץ. די מאַמע האָט דאָס משונהדיקע פּאָר מכבד געווען מיט אַן אויפגע־דרייטן האַנטוך. זי האָט עס, בבדיחות הדעת, דערציילט דעם טאַטן, האָט ער זייער ערנסט באַמערקט:

— דער סוף וועט זיין, אַז די קאַץ וועט נאָך האָבן ממזרים...

דער הונט האָט זיך אַ מאָל אַזוי פאַנאַנדערגעיאָגט נאָך דער קאַץ, אַז די שטולן האָבן זיך געטרייסלט. די קאַץ האָט זיך געריצט מיט אים, געטאַנצט איבער די בעטן, אַפילו אויפן אויוון, ווו דער שפּערל האָט אַ מאָל געהאַט זיין האַרבעריק. דער הונט האָט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ געוואַרט די קאַץ זאָל אַראָפּשפּרינגען, און דאַן וועט ער זיך נעמען צו אירע ביינער. כּך הווה, די קאַץ האָט אַראָפּגעשטורעמט פונעם אויוון, איז דער הונט צוגעפאַלן צו איר. ער האָט זי פאַריאָגט אויפן באַלקאָן, און זי, די קאַץ, איז פון הפקרדיקן אימפּעט אַרויסגעלאָפן דורך די שטאַכעטן. דער הונט איז געבליבן שטיין, אַריינגעשטעקט דעם שנוק צווישן די שטאַכעטן, און נישט געוווּסט וואָס ווייטער. איז ער אַריין אין קיך און זיך אַראָפּגעזעצט אויף די הינטערשטע לאַפּעס נעבן דער מאַמען, וואָס האָט זיך געפּאָרעט ביים פּרימוס.

דערנאָך האָט זי געהערט פון הויף דער שכנטעס געשריי:

— רחל, אייער קאַץ איז געהרגעט געוואָרן...!

די מאַמע האָט אָפּגעלייגט דעם נישט־דערשיילטן קאַרטאָפל און זיך געלאָזט מיט גרויס אימפּעט איבער די פיר גאָרן טרעפּ צום הויף.

דער שולהויף איז פול געווען מיט זון. דער איינציקער קאַש־

טאַנבוים נעבן דער הינטערוואַנט פון וועלפקעס רעסטאָראַן האָט מנדב געווען אַלע בלעטער צו באַגרינען דעם זומער. ביים סופר זענען געשטאַנען אַלע פענצטער ברייט־אָפן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אָננעמען אויף זאַפּאַס די דרויסנדיקע העלקייט, זי זאָל קלעקן אויף אַ גאַנץ יאָר פאַר דער טונקעלער דירה אונטער די שווערע פּילאַרן פון דער מאַלאַרסקער קלויז. אַלע קלויזן, בתי־מדרשים, סתם מנינים זענען געשטאַנען אויסגעבאָדן אין הייטערן שיין.

און די מאַמע? זי איז געשטאַנען איבער איר ליבלינג אַ פאַרפינצטערטע. די קאַץ איז געלעגן מיט אַ פאַרבלוטיקטן פּיסק. דער שאַרפער בלעך פון דער צעבראָכענער וואַסער־רינע האָט איר בעתן פאַלן, צעריסן די ליפּן. אויך אויפן בויך האָט די קאַץ געהאַט אַ טיפן שניט.

דאַוונער זענען פאַרבייגעגאַנגען, געפרעגט וואָס איז געשען. אויסגעהערט די ידיעה, האָבן זיי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, כלומר, ווערגן וואָס מען רעדט דאָ, און אַוועק ווייטער לויבן גאָט אין הימל. די שכנטע האָט געעצהט דער מאַמען אַריינוואַרפן די קאַץ, די פגירה, אין מיסטקאַסטן, און אַ סוף צום עסק. האָט די מאַמע זיך אויפגערעגט:

— וואָס רעדט איר? די קאַץ זשיפעט דאָך!...

און גלייך האָט זי אויסגעטאָן דעם פאַרטעך, פאַרוויקלט דאָס שווער־פאַרווונדעטע באַשעפעניש, און עס אַרויפגעטראָגן אין שטוב אַריין. דערנאָך האָט זי גענומען אַ ריינעם קיכהאַנטעך, אויס־געשפּרייט אים אויפן טיש און אַרויפגעלייגט אויף אים די קאַץ. די מאַמע האָט אָפּגעוואַשן דאָס בלוט פון די ווונדן, אויסגעשמירט זיי גוט מיט יאָד, פאַרבאַנדאַזשירט דעם בויך און איבערגעבונדן דעם קעצישן פּיסק מיט אַ נאָזטיכל, פאַרקניפּט איבערן קאָפּ, צווישןביידע אויערן. דערנאָך האָט זי די קאַץ פאַרשטופּט אינעם קאַלטן אויוון, אָנגעהויפט אַרום איר דעם איבערגעבליבענעם אַש פון אַ גאַנצן ווינטער, און פאַרמאַכט די עפענונג מיט דער אייזערנער זאַסלינקע.

דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ס'איז אומזיסט די מי. די קאַץ איז אַ פאַרפאַלענע.

די מאַמע האָט זיך נישט אונטערגעגעבן:

— זי וועט זיך אויסלעקן...

די מאַמע, ווי געוויינלעך, איז גערעכט געווען. די קאַץ האָט אויסגעלעקט אירע ווונדן אויפן פּיסק צוזאַמען מיט די טעצעלעך מילך, וואָס איר באַלעבאָסטע האָט אונטערגעטראָגן אַלע פרימאָרגן. דער שניט אויפן בויך האָט זיך אַליין פאַרצויגן.

אין איין שיינעם פרימאָרגן האָט די מאַמע דערהערט אַ דראַפּען אין דער זאַסלינקע. זי האָט אַוועקגערוקט דעם אייזערנעם בלאַט, איז איר קאַץ, מיטן קנופּ צווישן די אויערן, אַרויס אויף דער פריי. דורך דער צעריסענער, אויבערשטער ליפּ האָבן זיך געוויזן אַלע אירע שפּיציקע ציין. די קעציש שיינקייט איז פאַרשוווּנדן. דאָס פּיסקל, וואָס די מאַמע האָט אַזוי געצערטלט, איז געווען אין גאַנצן צעקאַרעדאַשעט.

דער טאַטע האָט זיך געקרימט. ווי קאָן מען האַלטן אַזאַ פאַרזעעניש אין שטוב.

די מאַמע האָט דערווידערט:

— די קאַץ שטייט נישט אין שידוכים...

✶

דאָס אַלץ איז געשען ווען די מלחמה איז געשטאַנען אויפן שוועל. די מאַמע האָט עס פאַרויסגעזען. זי האָט געהאַט אַ סימן — די קאַץ האָט, דעם ערשטן מאָל אין זייער פריינדשאַפט, זיך געוואָרפן דראַפּען דעם הונט. דעם צוויי־און־צוואַנציקסטן יוני, אין יאָר 1941, האָבן די דייטשן באָמבאַרדירט די שטאָט. אין אַ שטילערע שעה איז דער הונט אַרויס פון שטוב אויף זיין געוויינלעכער טרעפונג מיט זיין חברה גאַסן־הינט ביי די טרפה־יאַטקעס און מער נישט צוריקגעקומען. דער טאַטע האָט אַלעמען פאַרזאָגט נישט אַרויס־צוגיין אין גאַס. די גאַנצע מלחמה וועט געדויערן אַ וואָך־צוויי. דאָס איז אַלץ טעאַטער. מען פרוווט איינער דעם אַנדערן. דער דייטש וועט מוזן דורכקומען. דעם רוסישן בער וועט קיינער נישט בייקומען. מען דאַרף בלויז איבערוואַרטן.

די מאַמע האָט זיך זייער געקלעמט וועגן איר הונט, אָבער די באָמבאַרדירונגען און איר מאַנס פּאַרבאָט צו גיין אין גאַס האָבן פאַרהינדערט די זוכענישן נאָך אים. האָט זי באַשלאָסן פּאָלגן דאָס מאָל דעם טאַטן און איבערוואַרטן, אפשר וועט דער הונט דאָך קומען צוריק.

איך האָב דעם טאַטן נישט געפאָלגט. אַזוי ווי דער הונט בין איך אַיין אַ פּאָר טעג אַרום אַרויס פון שטוב זיך צו טרעפן מיט מיין חברה, און מער נישט צוריקגעקומען.

★

ווילנע איז געלעגן צעשאָטן אין שטויב. איך ביז געשטאַנען אויף די פרישע שפּורן פונעם חורבן. דער ערשטער הארבסט אין דער באַפרייטער שטאָט האָט נישט פאַרמאָגט אַזוי פיל רעגן אָפּצוואַשן דעם ברוק פונעם טינק, וואָס ס'האָבן געלאָזט נאָך זיך די פאַלנדיקע ווענט.

דאָס הויז אונדזערס אויפן שולהויף איז געווען איין באַרג ציגל. אַרויסגעריסענע טירן און פענצטער האָבן זיך געטוליעט איינס צום אַנדערן, ווי געזוכט צוזאַמען אַ שוץ קעגן די אויפרייסן. שטיקער ווענט, בלאָע און ווייסע און באַצירטע מיט בלומיקע טאַפּעטן זענען געווען אָנגעהויפט איבערן גאַנצן שטח. די ווינונגען, אָפּגעשיידט אַ מאָל דורך אומזיסטע, שכנישע ברוגזן, האָבן פאַרוואַרפן אַלע מחיצות אַ רגע פאַר דעם אונטערגאַנג.

כ'בין געשטאַנען נעבן דעם ווינקל, וואָס איז אַ מאָל געווען מיין היים. כ'האָב נישט געוויינט. די דריי יאָר מלחמה האָבן אויסגעטריקנט דאָס אויג. צווייטנס האָב איך שוין פון פריער געוווּסט, אַז אַלץ איז אַוועק מיטן רויך און אַלע זענען אַוועק צום אומקום.

כ'בין אַריין טיפער אין שולהויף. פון דער קברנישער קלויז, וווּ די מאַמע האָט אַ מאָל באַערדיקט איר פויגל, איז געווען איבערגעבליבן דער ארון־קודש. ער איז געשטאַנען אינם גרוז ווי אַ מצבה פאַר אַלע צעשמעטערטע געבעט־הייזער אויפן שול־הויף, די גרויסע, שיינע שטאָטשול אַריינגערעכנט.

...און דאָ, אויף די טרעפּלעך פונעם ארון־קודש, האָב איך דערזען דער מאַמעס קאַץ. כ׳האָב זי גלייך דערקאַנט. אירע צוויין האָבן געבלאַנקט דורך דער צעריסענער ליפּ. זי איז דורך די דריי יאָר געוואָרן פולער, שווערער. דער מערעלער־קאָליר פון איר פעל האָט אָפּגעבליאַקעוועט. אַ מידער בליק איז געלעגן אין אירע קרומלעכע אויגן.

ווידער האָט אַ בליץ געטאָן די שטוב און אַלץ אין איר. כ׳האָב געשטעלט אַ טריט נאָענטער צו דער קאַץ, האָט זי אויסגעקרומט דעם רוקן, שטייף געמאַכט דעם עק און געגעבן אַ שיפּע אויף מיר מיט דעם גאַנצן כּוח פון איר מוח, דעם צעפּליקטן פיסק.

איך האָב לאַנגזאַם אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו איר, געוואָלט זי מקרב זיין. איז זי אויפגעשפּרונגען, גאָרנישט ווי פאַר איר עלטער, און אַוועקגעהיפּערט איבער שטאָק און שטיין, ביז זי איז פאַרשוווּנדן געוואָרן צווישן די אָפּגעריסענע מויערן.

ערשט דאָן האָב איך זיך פאַנאַנדערגעוויינט. כ׳בין געזעסן אויף די טרעפּלעך פונעם ארון־קודש און געלאָזט פריי פליסן מיינע טרערן. כ׳האָב אַזוי געוואָלט אַנרירן די קאַץ, פילן דורך איר פעל דער מאַמעס פינגער. כ׳האָב אַזוי געוואָלט איר אַ גלעט טאָן צווישן די אויערן, ווו די מאַמע האָט פאַרקניפּט דעם קאָמפּרעס צו אירע ווונדן. ס׳איז גאָר רעכט, אַז די קאַץ האָט זיך געשאַרט ביי איר באַלעבאָסטעס פיס, בעת מען האָט זי אַרויסגעפירט אויפן לעצטן וועג. איך האָב אַזוי געוואָלט האַלטן די קאַץ אויפן שויס, כאָטש איין רגע. איז זי אַנטלאָפן פון מיר. און אפשר איז זי אַנטלאָפן, ווייל זי האָט מיך נישט אָנערקענט ווי איר באַלעבאָסטעס זון?

איך בין דאָך נישט געווען נעבן דער מאַמען, ווען זי, די קאַץ, האָט זי באַגלייט צו דער אָפּגעדראַפּעטער טיר...

ביז היינט טראַכט איך, אַז כ׳האָב געדאַרפט פאָלגן דעם טאַטן און נישט אַרויסגיין פון שטוב, ווי דער מאַמעס הונט, אויף נישט צוריק צו קומען.

אַ קישן צוקאָפּנס

אַ קישן צוקאָפּנס

בלומקע וואָלט גאָרניט געטראַכט צו פֿאָרן קיין רוסלאַנד, ווען ניט דער שטרייק פֿון די הויזן־נייערס. זיי האָבן אַרויסגעשטעלט די טאַנדעטניקעס אַזעלכע פֿאָדערונגען, אַז כאָטש נעם און פֿאַרמאַך די געשעפֿטן. דייטשע־גאַס האָט געקאָכט. צאַלעל נאָז, דער וויכטיקסטער טאַנדעטניק, וואָס אַחוץ געוויינטלעכע אָנצוגן האָט ער זיך אויך פֿאַרמאָסטן מיט געפּאַסקעוועטע הויזן פֿאַר די פּריצים אַרום ווילנע, איז געווען אש־להבה. ס'האָט אים געבערנט אויף בלומקעס בעל־הבית, שלום דער בעזרוק. יענער האָט געלאָזט דעם סאָלעטשניקער פּריץ אָן הויזן האַרט פֿאַר פּאַסכע. בלומקע האָט בלויז געדאַרפֿט אַריינניייען קנעפּלעך אין די הויזן און אַרויסציען די פֿאַסטריגעס. האָט זיך דער בעזרוק פֿאַרעקשנט: ער מוז האַלטן סאָלידאַריטעט מיטן אַרבעטער־פֿאָלק. כאָטש ער אַליין איז שוין לאַנג אַרויס פֿון פֿאַראיין, זיך צעקריגט מיטן גאַנצן צעך צוליב דעם פּריידהייטסקאַמף אין קיטיי, האָט ער באַפֿוילן בלומקען זי זאָל איבעררייסן די אַרבעט און אַרויסגיין מיט די שטרייקערס אויף ברייטע־גאַס, ווילנע זאָל זען אַז דער קלאַסנקאַמף איז ניט קיין שפּילכל.

בלומקע האָט אַריינגעשטעקט די נאָדל אינעם שפּוליק און איז אַרויס אין גאַס. אויך די זון האָט געשטרייקט. זי איז געווען ברוגז מיט דער גאַנצער וועלט. האָט דער שטרייק פֿון די הויזן־נייערס זיך געצויגן אין קאַלטע וועטערן און ניט־היגע ווינטן, גאָרניט ווי פֿרילינג. די שטרייקערס האָבן זיך צעשאָטן אין אַריינגאַנג פֿון קינאָ „פּיקאַדילי".

בלומקע איז אַוועק אַהיים. זי מיט דער מאַמע, די הינערניצע, האָבן געוווינט אַרויף נאָוואָגראָד אין אַ האַלב־חרובן מויער מיט

אויסגעזעצטע שויבן. די איינציקע מעלה פון אַט דעם געביי איז געווען, וואָס דער בעל־הבית האָט אויפגעגעבן צו מאָנען דירה־געלט.

בלומקעס מאַמע איז געשטאַנען ביים טיש און צוגעגרייט סחורה. זי האָט שוין געהאַט אירע שטענדיקע אָפּנעמערקעס: ווייבער וואָס האָבן ניט געקאָנט קומען צו אַ גאַנצער הון, בלויז צו אַ גאָרגל, אַ הערצל, אַ צעריסן לעבערל. ווען זי האָט דערזען די טאָכטער קומען אין מיטן טאָג אַהיים, האָט זי זיך אָפּגערופן:

— וואָס איז דער מער? דער בעזרוק האָט דיך אָפּגעזאָגט?

קיין גרויסע ריידערקע איז בלומקע ניט געווען, האָט זי קורץ אָפּגעענטפערט:

— ער האָט געהייסן שטרייקן.

די מאַמע האָט אָפּגעלייגט דאָס האַקמעסער, געוואָלט וויסן מער פּרטים, אָבער מער האָט זי פון בלומקען ניט אַרויסבאַקומען. האָט זי זיך ווייטער גענומען רייניקן די פּופּיקעס.

בלומקע איז געזעסן אויפן ראַנד פון איר אייזערן בעטל און ניט געוווּסט וואָס ווייטער. זי האָט געהאַט איר סדר: ביי טאָג ביי די הויזן און אין די אָוונטן — אויף פּראָבן אין ווילנער כאָר, וואָס דער געזאַנג־לערער סליעפּ איז געווען זיין אָנפירער און דיריגענט.

בלומקע האָט ליבערשט געזונגען ווי גערעדט. די שול־חברטעס אירע האָבן זי געדענקט בלויז פון די עטלעכע ווערטער וואָס זי האָט אַרויסגערעדט בעת אַ שפּאַציר אין בערנאַרדינער גאָרטן. די לערערין מירע האָט אַ מאָל אָוועקגעפירט די קינדער אין גאָרטן, כדי צו באַוווּנדערן דעם איינציקן שוואַן וואָס איז דאָרטן געשווומען אין דער סאַזשלקע, ווי אַ ווייסע שיף. אַלע קינדער האָבן זיך אָנגענומען מיט דער לערערינס התלהבות, בעת זי האָט דערציילט וועגן דער אײדעלער באַשעפעניש. בלויז בלומקע איז געשטאַנען אַ זייטיקע, שטאַרק פאַרטראַכט. און אַז די לערערין האָט זי געפרעגט וואָס זי טראַכט, האָט זי געענטפערט:

— איך טראַכט אַז פון אַט דער גאַנדז קאָן אַרויס אַ גרויסע דרייבע... זי מוז האָבן יענע לעבער...

אחוץ דעם כאַר, האָט בלומקע אויך געהערט צו אַ קרייזל, וווּ מע האָט שטודירט קאַרל מאַרקס. קיין גרויסע שיינהייט איז זי, בלומקע, ניט געווען. אַ נידעריקע, ווי די מאַמע אירע, מיט אַ פּאָר קרעמפּע פיס. אויפן פּנים — אַ ברוינע בראָדעווקע אויף דער רעכטער באַק, וואָס האָט אָפּגעשראָקן פון אַ קוש. בחורים האָבן זיך צו איר ניט געקלעפּט. איז זי געקומען אין דעם קרייזל זיך פאַרברייטערן דעם האָריזאָנט, אפשר וועט פון דאָרטן זיך אָפּרייסן עפּעס אַ קאַוואַליר.

די לעקציעס האָט דווקא געפירט אַ שיינער בחור, אָבער אויף בלומקען האָט ער קיין אַכט ניט געלייגט. ער איז געווען אַריינגעטאָן אין אויפקלערן די מאַסן. איז בלומקע געזעסן, מיט נאָך מיידלעך און בחורים, אין בוידעם־שטיבל אויף יידישע גאַס און זיך זאַט ניט געקאָנט אָנקוקן אויפן שיינעם לעקטאָר. און יענער האָט אויפ־געקלערט:

— קאַרל מאַרקס זאָגט, אַז אַלע צרות קומען פון ניט דערצאָלן דעם אַרבעטער. דער בעל־הבית ווערט רייך און ביים אַרבעטער דאַרן די מוסקלען. דאַרף מען נעמען די אויסניצערס און זיי אונטערהאַקן די פיס, ווי דאָס האָט געטאָן די גרויסע אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אָט דאָ בשכנות מיט אונדז אין פאַראַן אַ לאַנד, וווּ דער אַרבעטער איז דער בעל־הבית, ער בויט דאָרטן אַ גליקלעכע מדינה פאַר קינדסקינדער. דעריבער דאַרפן מיר אַלע שרייען אין איין קול: אַוועק די הענט פון ראַטן־פאַרבאַנד!

*

דער שטרייק פון די הויזן־נייערס האָט זיך פאַרצויגן און בלומקע איז געבליבן בלויז ביי דעם כאַר און דעם קאַרל מאַרקס־קרייזל. ביי דער מאַמע האָט זי געהאַט נאָר עסן און שלאָפן. אויף אַ פּאָר זאָקן אָדער אַ בילעט אין קינאָ האָט זי געמוזט אַליין פאַרדינען. זי האָט געפּרוּווט זיך אָנבאָטן ביי די הענטשקע־מאַכערס, נייען לייקענע הענטשקעס מיט גרויסע שטער, ווי דאָס איז געווען די

לעצטע מאָדע, אָבער אומעטום איז געווען פול מיט מיידלער, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר גראַשנס, טאַקע ווי קאַרל מאַרקס האָט געשריבן.

זי איז געזעסן אויף איר אייזערן בעטל און געמאַכט אַ חשבון־הנפש: וואָס קאָן זי דערלעבן דאָ אין ווילנע, ביי איר מאַמען די הינערניצע? קיין אַרבעט איז ניטאָ. קיין בחור אויך ניט. אַפילו ס'וועט זיך ענדיקן דער שטרייק, וואָס וואַרט אויף איר? ווידער זיצן ביים בעזרוק און אַריינניייען קנעפּלעך.

די לעצטע צייט האָט מען זיך אָנגעהויבן שושקען, אַז מע לויפט קיין רוסלאַנד. יעדן טאָג דערוויסט מען זיך וועגן אַן אַנדערן וואָס איז אַריבער די גרענעץ. דאָרטן קאָן מען אַרבעטן, זיך לערנען, דערגיין צו עפּעס. אַזוי דערציילט דער בחור פון קרייזל.

אַ פאַרנעפּלט בריוול פון דאָרטן האָט בלויז צעטומלט די רעיונות. אַן אַריבערלויפער האָט געשריבן צו טאַטע־מאַמע פון ערגעץ אַ שטאָט וואָס הייסט דניעפּראָפּעטראָווסק. ער האָט געלויבט די שיינקייט און די גרייס פון דער שטאָט, ווו מע קערט איבער די וועלט. אַלע זענען גליקלעך, טאַנצן אין די גאַסן. עס פעלט בלויז לעווין פון סובאָטש און חפץ פון יאַטקעווער־גאַס. צו זיי וואָלט אויך ניט געשאַט עס זאָלן קומען פישמאַן פון זאַוואַלנע און צאַלעל נאָז.

לעווין פון סובאָטש האָט געהאַט אַ בעקעריי. חפץ האָט פאַר־קויפט די בעסטע פוטער און קעז. פישמאַן איז געווען אַ באַקאַנטער שוסטער אין ווילנע און צאַלעל נאָז האָט געהאַט דאָס גרעסטע קליידער־געשעפט אויף דייטשע־גאַס. האָט מען שטודירט דעם בריוו פון אַלע זייטן, געוואָלט דערגיין וואָס דער שרייבער מיינט. די חסידים פון ראַטן־פאַרבאַנד זענען געקומען צום אויספיר, אַז דעם בריוו האָט געפּיאַטשקעט אַ „צופעליקער עלעמענט", וואָס איז ניט מסוגל צו באַנעמען די גרויסקייט פון דער גאַנצער זאַך און בלויז דער פרעס ליגט אים אין קאָפּ.

✱

דער שטרייק האָט זיך געענדיקט. אָבער בלומקע האָט זיך ניט צוריקגעקערט צו דער אַרבעט. שלום דער בעזרוק האָט שטאַרק געריבן דאָס אָרט ווו עס האָט געדאַרפט זיין דער לינקער אָרעם זיינער. ער פלעגט פאַרגעסן אַז דעם אָרעם האָט ער שוין לאַנג פאַרלוירן, בעת אַ געשלעג מיט פוילישע סטודענטן, וואָס האָבן ניט אַריינגעלאָזט אין אוניווערסיטעט זיינע יידישע חברים. אין נאָדל־פאַראיין איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס צו העלפן די קומענדיקע אינטעליגענטן, איז ער, שלום, פון די ערשטע אַרויס אויסציען אַ האַנט. דערפאַר האָט אים ווילנע באַערט מיטן פוילישן צונאָמען „בעזרוק", וואָס מיינט: אָן אַ האַנט. זיין פראַטעזע האָט ווילנע ניט אָנערקענט ווי אַ האַנט.

שלום האָט ניט פאַרשטאַנען פאַר וואָס בלומקע האָט אים געוואָרפן. ער האָט זיך דאָך מיט איר גוט אויפגעפירט, כאָטש פאַר די שכירות האָט ער געקאָנט האָבן אַ שענערע, מע זאָל איר קאָנען געבן אַ קניפ אין בעקל. בלומקע האָט אים ניט דערציילט, אַז זי האָט באַשלאָסן זיך צו לאָזן איבער דער גרענעץ. דער שיינער בחור פונעם קרייזל האָט איר געזאָגט, אַז וואָס ווינציקער ריידן איז בעסער.

דער מאַמען האָט זי אָבער געמוזט דערציילן. די מאַמע האָט עס אויפגענומען ווי זי וואָלט שוין לאַנג געווען גרייט אויף דעם. זי איז אַפילו געווען צופרידן, וואָס די טאָכטער האָט באַשלאָסן צו פרוון איר מזל, הגם זי האָט געהאַט איר אייגענעם חשבון מיטן ראַטן־פאַרבאַנד. בעת די ערשטע באָלשעוויקעס זענען געגאַנגען דורך ווילנע, נאָך דער רעוואָלוציע, האָט בלומקעס טאַטע זיך אַזוי איבערגענומען מיט אָט דעם מעמד, אַז ער האָט געוואָרפן די קאַמאַשן־שטעפעריי און איז מיט די באָלשעוויקעס אַוועק אויף אַ געשאָנקענעם פערדל, מיט אַ רעקווויזירטן צילינדער אויפן קאָפּ. דאָס ווייב האָט ער איבערגעלאָזט מיט בלומקען אונטערן האַרצן און אַ צוזאָג, אַז ווי נאָר ער פאַרענדיקט די רעוואָלוציע, קומט ער צוריק בויען זיין פראָלעטאַרישע היים. מער האָט זי פון אים ניט געהערט.

— מילא, וואָס קאָן איך דיר זאָגן — האָט זיך די מאַמע אָנגערופן — די גליקן וואָס שטייען דיר פאַר דאָ ביי מיר? כיבע אָן אָרט אויפן האַלצמאַרק, ווו מע טרייבט מיך יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק. האָסט שוין באַלד אויסגעביטן דיין צוואַנציקער. אפשר וועט גאָט געבן, וועסט דאָרטן אָפּגעפינען דיין טאַטן. וועדליק דעם ראַזמאַך ווי ער איז אַרויס פון ווילנע, דאַרף ער דאָרטן איצטער זיין אַ גאַנצער גענעראַל. איך, פון מיין זייט, האָב דיר צוגערייט אַ שטיקל נדן. וואָס דו קאָנסט — נעם מיט. וויכטיקער פון אַלץ פאַר אַ מענטש איז אַ געלעגער. כ׳האָב אָנגעפּליקט אַ ביסל פעדערן און דיר אָנגעשטאָפּט אַ פּוכקישן. אויך אַ שטיקל דאַלעס אויף ליילעכער, געקויפט אַ מציאה ביי סאָרע קלאַק. און ווייטער? איך בין טאַקע נאָר אַ הינערניצע, אָבער אַ גאַלאַשייקע, אַ הון אָן אַ וואַליע, האָט אויך אַ האַרץ. אָט בלייב איך אַליין מיטן קאָשיק דרויב... אַ שלוקערץ זאָל זיך שטעלן דיין טאַטן אין האַלדז...

דאָ האָט זיך בלומקעס מאַמע שטאַרק פונאַנדערגעוויינט.

✶

בלומקע האָט גענומען גרייטן איר אַרויספאַר. וועגן אַריבערגיין די גרענעץ האָט מען געדאַרפט אָפּריידן מיט הירשל דעם קאַנאַריק. ער האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט די שמוכלאַרעס איבער דער גרענעץ. הירשל האָט גענומען דאָס געלט, געזאָגט ווען מע דאַרף פאָרן און ווער עס וועט וואַרטן אויף דער באַנסטאַנציע אין דעם נאָענטסטן שטעטל צו דער גרענעץ.

הירשלס אַדרעס האָט בלומקע באַקומען אין קרייזל. מע האָט איר בלויז ניט געזאָגט, אַז הירשל דער קאַנאַריק האַלט ביי זיך אין שטוב צוויי מיידלעך, ווייל פון די פּאַסאַזשירן קיין רוסלאַנד האָט ער געהאַט קאַרג פּרנסה.

בלומקע איז געקומען גראַד דעמאָלט ווען זאָשקע די גרויסע קאָפּ, איינע פון הירשלס קוואַרטיראַנטקעס, האָט באַשלאָסן צו זוכן איר מזל און בעסערע געסט ביי סטעפּניוקן, וואָס האָט געהאַט אַ הייזל אויף מאַסטאָווע, לעבן טייך. אין פּאָדערשטוב איז געשטאַנען

אַ זיסלעכער ריח פון פאַריקמאַכערשן אָדעקאָלאָן, וואָס איז פאַר בלומקען געווען פרעמד. זי איז מער געווינט געווען צום טשאַד פון דער פאַרע־טוך ביי שלום דעם בעזרוק.

הירשל האָט זיך געוווּנדערט: ניט שוין זשע האָט מען זיך דערוווּסט אין דער בראַנזשע אַז זאָשקע האָט אים איבערגעלאָזט? אַ מיידל וואָס קומט אין מיטן טאָג קאָן נאָר זיין אַ גאַסיקע, אָדער אַ דורכגעלאָפענע, פון ניט־הי, וואָס וויל אַריין אין פאַך. ס׳איז נאָך קיין מאָל ניט געקומען צו אים אַ מיידל אַליין אָפריידן וועגן אַ נסיעה.

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט איין פאַרזשמורעט אויג. זי איז אים ניט געפעלן געוואָרן, בראַקאָוונע סחורה. אויף דעם ברויט האָט זי געדאַרפט האָבן אַ מער יום־טובדיק פנים. דאָך האָט ער זי געפרעגט:

— ביסט שוין לאַנג אין ווילנע?

— אַ גאַנץ לעבן.

— און איך קען דיך ניט?

— פון וואַנען דאַרפט איר מיך קענען?

— האָסט געטאָן ביי וועמען? — האָט הירשל ווייטער געפרעגט.

— ביי שלום דעם בעזרוק.

— שלום דער בעזרוק? ווער איז דאָס?

— פון די הויזן־נייערס.

הירשקע איז צעטומלט געוואָרן, אָבער ער האָט דווקא געוואָלט וויסן ווער איז דאָס אָנשיקעניש.

— זאָג מיר, דו האָסט אַ שטוב, צי דו שטייסט אין גאַס?

— צו וואָס זאָל איך שטיין אין גאַס? איך האָב אַ שטוב.

הירשל האָט זיך דערוואַרעמט.

— אָ, הערט מען דאָך אַ וואָרט. ווו איז די שטוב?

— ביי דער מאַמען.

דאָ האָט שוין הירשל פאַרלוירן ס׳געדולד און גענומען שרייען:

— וואָס בעבעסטו? ביסט געקומען נעמען זאָשקעס צימער, רייד מיט אַלע ציין!

— וואָס פאַר אַ צימער, וואָס פאַר אַ זאַשקע?

— צו וואָס דען ביסטו געקומען?

— וועגן אַריבערגיין די גרענעץ.

הירשלען איז געוואָרן גרינגער אויף דער נשמה. ער האָט זיך אַזש צעשמייכלט:

— און איך האָב געמיינט... אַ מיידל, דערצו נאָך אַ ייִדיש קינד, דאַרף ניט קומען אַליין, נאָר מיט אַ בחור, יענער זאָל ריידן.

בלומקע האָט געהויבן אַן אַקסל ווי אַ פאַרשולדיקטע:

— איך האָב ניט קיין בחור...

— מילא, יעדער טרינקער קריגט זיין ביר... איצט לאָמיר הערן וואָס־און־ווען.

✶

בלומקע האָט איבערגעלאָזט הונדערט פופציק זלאָטעס, וואָס הירשל האָט גענומען פאַר זיך און פאַר די שמוגלאַרעס. פון איר קניפּל, אָפּגעשפּאָרט גוטע עטלעכע יאָר, איז קיין סך ניט געבליבן. זי האָט געדאַרפט קויפן אַ פּאָר וואַליקעס און קאַלאָשן און פאַר־זאָרגן דעם מאַנטל מיט אַ וואַטוווקע — אַלע סגולות קעגן די פרעסט אין יענעם לאַנד.

אין ווילנע איז נאָך געווען ווייט צו די גרויסע קעלטן. די לעצטע טעג פון סעפּטעמבער האָבן נאָך צעשמירט שטיקער גאָלד אויף די ביימער. דער אמתער האַרבסט מיט זיינע שלאַקסרעגנס און בייזעווינטן איז נאָך געווען אונטער וועגס.

אין אַזאַ טאָג האָט בלומקע געדאַרפט נעמען דעם רוקזאַק און זיך לאָזן צו דער גרענעץ. הירשל האָט איר אָנגעזאָגט זי זאָל פאָרן מיטן אָוונטבאַן, זי זאָל ניט פאַלן אין די אויגן.

איינגעפּאַקט איז זי שוין געווען פון אין דער פרי. זי האָט אַריינגעשטופּט אין רוקזאַק איר גאַנצן מיידלשן האָב. די מאַמע האָט זיך איינגעעקשנט, זי מוז מיטנעמען דאָס קישן, דעם נדן. זי האָט איר געגעבן אַן עצה: דאָס קישן צובינדן פון אויבן, ווי אַ זעלנער זיין פלאַנדעקע.

בלומקע האָט געהאַט דעם גאַנצן טאָג פֿאַר זיך. האָט זי באַשלאָסן אַרויסגיין אין גאַס זיך געזעגענען מיט ווילנע. ווער ווייס צי זי וועט נאָך אַ מאָל זען די שטאָט. אַרום און אַרום איז זי געווען זייער צוגעבונדן צו איר היימשטאָט. אויף קיין גרויסע לוקסוסן איז ביי קיינעם ניט געווען. ווען ניט דער כאַר און דאָס קרייזל — וואָלט בלומקע ניט געהאַט ווו אַ טיר צו עפֿענען. דאָס צוטריטלעכסטע פֿאַרגעניגן איז געווען צו גיין איבער די הויפּטגאַסן און זיך זאַט אָנקוקן אויף די וויטרינעס. אַזאַ שפּאַציר האָט געהייסן מאַכן אַ קרייז און ס'איז ניט פֿאַראַן קיין סאַמאַראַדנער ווילנער, וואָס ווייס ניט דעם מאַרשרוט.

בלומקע איז טאַקע אַרויס אין גאַס מיט דער כוונה צו מאַכן איר לעצטן קרייז דורך די ווילנער גאַסן, אָבער ביים אַריבערגיין דעם האַלצמאַרק, פֿאַרביי דער ריי באַליעס פֿיש, ווו חנה־מערקע די פֿישערקע האָט געוועלטיקט אויף קולי־קולות, איז זי גאָר אַוועק אויף טראָקער־גאַס אָנקוקן, שוין צום וויפֿלטן מאָל, די צוויי שטיינערנע מאַנצבילן, די צוויי באַלוואַנעס, וואָס שפּאַרן אונטער דעם באַלקאָן פֿון גראַף טישקיעוויטשעס מויער. דערנאָך איז זי אַוועק אין בערנאַרדינער גאַרטן, זען דאָס לעצטע מאָל דעם שוואַן אין דער סאַזשלקע. דעם זעלביקן שוואַן, וועמעס דרייבע זי האָט אַזוי הויך געשאַצט פֿאַר דער לערערין מירע.

זי איז דאָרטן געזעסן אויף אַ באַנק און געוואָלט זיך פֿאָרשטעלן, וואָס עס וואַרט אויף איר אין לאַנד וווהין זי קלייבט זיך צו פֿאָרן. דער שיינער בחור פֿון קרייזל האָט טאַקע דערציילט בלויז נסים וועגן די פֿינף־יאָר־פּלענער און וועגן דעם טאַטן פֿון די פֿעלקער, אָבער זי האָט געטראַכט צי וועט זי דאָרטן געפֿינען עפּעס אַ ביסל נחת פֿאַר זיך אַליין, אָדער וועט זי זיך בלויז דאַרפֿן פֿרייען מיט דעם קאָזיאַנעם נחת. אַפֿילו אַזאַ הירשל דער קאַנאַריק האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מיט אַ בחור איז בעסער.

בלומקע האָט זיך איינגעבויגן, גענומען פֿון דער ערד אַ שטיינדל און עס אַ וואָרף געטאָן אין וואַסער, ווו דער שוואַן האָט זיך

פאַרמאַסטן צו כאַפּן אַ פישל. אַזוי האָט זי זיך מיט אים געזעגנט און אַוועק צוריק אַהיים, זיין מיט דער מאַמען פאָרן אָפּפאָרן.

★

אויפן וואָקזאַל אין מאַלאַדעטשנע האָט בלומקען אָפּגעוואַרט אַ הויכער ייִד אין שטיוול. קיין פּנים האָט מען ניט געזען, ווייל די באָרד איז געוואַקסן ביי אים ביז דער נאָז. אָן אַ וואָרט צו זאָגן איז ער צוגעגאַנגען צו בלומקען, אַ נעם געטאָן איר רוקזאַק מיטן צוגעבונדענעם רויטן קישן און איר געגעבן אַ ווונק זי זאָל אים נאָכגיין. זיי זענען אַריין אין פינצטערן דרויסן. דער ייִד האָט געפירט דורך אַ זייטיק שטעגל. זיי האָבן זיך דערווייטערט אַ פּאָר הונדערט מעטער פון וואָקזאַל און זענען אַרויס אויף אַן אָפן שטיקל פעלד. בלומקע האָט נאָך ניט גוט באַוויזן אָפּציען דעם אָטעם, איז זי שוין געשטאַנען לעבן אַ פערד־און־וואָגן, וואָס איז ווי אַרויס־געוואַקסן פון חושך. דער ייִד האָט אַריינגעוואָרפן דעם רוקזאַק אין וואָגן, אַרויסגעכריפּעט: שטיי דאָ! — און צוריק אַוועק צום וואָקזאַל.

בלומקע האָט זיך דערפילט אַזוי עלנט, אַז זי האָט זיך געוואָלט צוטוליען צום פערד, וואָס איז געשטאַנען צוגעשפּאַרט דעם קאָפּ צו אַ האָלאַבליע און געדרעמלט. דאָס ערשטע מאָל האָט זי געשפירט דעם טעם פון זיין אויסגעשטעלט אויף זיך אַליין. אין פיבער פון די הכנות פאַר דער נסיעה איז איר גאָר ניט איינגעפאַלן אַז אפשר פאַרנעמט זי זיך אויף אַ זאַך, ניט פאַר אירע כּוחות.

דער בערדיקער ייִד האָט זיך לאַנג ניט געזאַמט. ער איז געקומען מיט נאָך צוויי פּאַסאַזשירן. לויט די וואַליזקעס וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין האַנט, האָט בלומקע פאַרשטאַנען אַז דאָס זענען מיטגייערס איבער דער גרענעץ. דער ייִד האָט געהייסן אַלעמען אַריינקריכן אין וואָגן, אַליין זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קעלניע און מיט אַ טרייסל פון די לייצעס באַפוילן דעם פערד זיך צו לאָזן אין וועג.

★

דער ייִד האָט זיי דערפירט ביז צו אַ קרעטשמע, וואָס איז געשטאַנען איינע אַליין אין אַ פעלד. אין פּאַרטאַגיקן ליכט האָט זיך אויסגעשיילט פון דער ווייטנס אַ ייִשוב. אויף שטום-לשון האָט דער בעל-עגלה איבערגעגעבן די פּאַסאַזשירן אין די הענט פון דער קרעטשמערקע, וואָס האָט אַ נעם געטאָן מיט איין האַנט בלומקעס אָנגעשטאָפּטן רוקזאַק און מיטן פוס אַריינגעשאַרט ביידע וואַליזקעס פון די אַנדערע פּאַסאַזשירן אין אַ טונקעלער קאַמער, ווו איין שמאָל פענצטער האָט קוים דורכגעלאָזט אַ פּאַסמע ליכט. מיט אַ ווונק האָט זי די פּאַסאַזשירן געהייסן נאָכגיין דעם באַגאַזש.

ערשט איצט האָט בלומקע זיך געקאָנט בעסער צוקוקן צו אירע מיטרייזנדערס. אין וואָגן זענען זיי געזעסן ענג צוגעטוליעט איינער צום צווייטן. ביידע האָבן זיי געטראָגן הויזן. איצט האָט איינער פון זיי אַראָפּגעשלעפּט פון קאָפּ דאָס היטל מיטן דאַשעק און אַ פּאַטליע גאָלדענע האָר איז אַראָפּגעפאַלן אויף דעם ווייסן האַלדז. ס'איז ממש ליכטיק געוואָרן אין קאַמער פון דער מיידלס שיינקייט. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין איר גאַנצער לענג אויפן געלעגער און זיך הילכיק צעלאַכט. און באַלד איז זי אויפגעשפּרונגען, געעפנט איר וואַליזקע, אַרויסגענומען אַ האַנטעך מיט זייף און אַוועק צום עמער אין פירהויז.

בלומקע האָט איר נאָכגעקוקט. זי האָט געפּרוווט כאַפּן אַ דרעמל, אָבער זי איז געווען צו מיד. ס'האָט זי אויך געדריקט דער אומעט. זי האָט געטראַכט: אָט פאָרט אַ מיידל קיין רוסלאַנד, פריילעך, לוסטיק, און זי ווייס אַז דאָס פנימל אירס וועט איר העלפן ווו זי וועט זיך ווענדן. איז נאָך ווינציק, פאָרט זי מיט אַ בחור, ניט אַליין ווי זי, בלומקע. וואָס האָט זי דאָ אָפּגעטאָן? וואוהין פאָרט זי איינע אַליין? זי וועט אַריינפאָרן צו סאַמע גוים, ניט האָבן מיט וועמען אויסריידן אַ וואָרט. ווו איז געווען איר קאָפּ? וואָס האָט זי געדאַרפט זוכן גליקן?

זי איז שוין געווען גרייט צו פרעגן די בעל-הביתטע ווי אַזוי מע קומט צוריק צו דער באַנסטאַנציע. זי וועט ביי איר פאַרזעצן די וואַליקעס, די קאַלאָשן און דאָס קישן — כדי צו קריגן געלט

אויף אַ באַנבילעט צוריק קיין ווילנע. זי וועט ווידער גיין צו שלום דעם בעזרוק. ווי־ניט־ווי האָט זי געהאַט ביי אים אַ שטיקל פּלאַץ.

אָבער וואָס וועט זאָגן דער שיינער בחור פון קאַרל מאַרקס־קרייז? ווי וועט ער קוקן אויף איר? און וואָס ער וועט זאָגן וועט ער דאָך זיין גערעכט. אין כאָר וועט מען זיך קרימען: בלומקע! אויך מיר אַ מענטש...

איז עס טאַקע אַזוי? — האָט זי געטראַכט — בין איך טאַקע גאָרנישט? דער הינערניצעס מיידל, וואָס ציט פּאַסטריגעס ביי שלום בעזרוק. זי האָט פאַרשטשעמעט די ציין. טרערן האָבן פאַרנעפּלט די אויגן. אַלץ אין איר האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט אַזאַ אויספּיר. זי האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, געוואָלט פאַרטרייבן פון דאָרטן די ספקות וואָס זענען זי באַפאַלן, ווען זי האָט געזען דאָס בלאָנדע מיידל מיט איר בחור.

בלומקע האָט פאַרביילט די פויסטן: ניין, זי פאָרט ניט צוריק! זי וועט אויך געפינען איר פּלאַץ. זי וועט אויך צו עפּעס דערגיין. זי וועט נאָך אַ מאָל צוריקקומען קיין ווילנע און פון דער טיר אַביאַוועון דער מאַמען: איך האָב געענדיקט לערנען... איך אַרבעט... זי האָט אויסגעפּאַקט פון איר רוקזאַק אַ האַנטעך מיט זייף און איז אויך אַרויס אין פירהויז זיך וואַשן.

זי האָט געוואָלט כאַפּן אַ וואָרט מיט דער קרעטשמערקע, אָבער יענע האָט געבורטשעט אונטער דער נאָז.

— וואָס טוט זיך דאָ? — האָט זיך בלומקע געקאַכט — מיר זענען דאָך דערוויילע צווישן ייִדן. קאָנט איר מיר ניט זאָגן ווו מיר זענען און... וואָס ווייטער?

— וואָס דאַרפט איר וויסן, איר גייט דאָ קויפן אַ פּאָלוואַרק?

— האָט די בעל־הביתטע אָפּגעענטפערט.

— עס קאָסט אייך געלט צו זאָגן?

— איר זענט לעבן ראַדאָשקאָוויטש, ניט ווייט פון דער גרענעץ. גוט?

— און וואָס ווייטער?

— ווייטער איז מאָסקווע. וואָס פרעגט איר וואָס ווייטער?

ביי נאַכט וועט מען אייך פירן צו דער גרענעץ. ס׳וועט קומען אַ פור אייך נעמען... דער אַפּטרעט איז ווייטלער, הינטערן שטוב. איידער ווער פון אייך גייט אַרויס, קוקט אייך גוט אַרום, די פויערים אין פעלד דערקענען אַ פרעמדן פון אַ מייל.

✶

דער טאָג איז אַוועק מיטן באַקענען זיך נענטער. דאָס פּאָרל איז געקומען פון וואַרשע. דער בחור, מיטעלק האָט ער געהייסן, דערציילט, אַז אין דער היים איז אים שווער. דער טאַטע זיינער האָט ניט קיין אַרבעט. ער אויך ניט. זיך פאַרליבט אין האַלינען און אַוועקגעגעבן דעם לעצטן גראָשן אַ מאַכער, וואָס האָט זיי אַטפּראַוועט אַהער.

די מאַמע האָט מיטגעגעבן בלומקען צוויי הינערשע פּאַלקעס און אַ סלוייִק מיט געהאַקטער לעבער. איצט איז עס גוט צו ניץ געקומען. אין אַכסניא האָבן זיי געהאַט בלויז הייס וואַסער. פאַר עפּעס אַנדערש האָט מען געדאַרפט באַצאָלן. האָבן זיי געקויפט ביי דער בעל־הביתטע אַ דאַרפיש לעבל ברויט און אַלע האָבן אָפּגעגעסן. מ׳האָט זיך פרי געלייגט שלאָפן, כדי מע זאָל קאָנען אויפשטיין אין מיטן דער נאַכט. בלומקע האָט ניט געקאָנט צומאַכן קיין אויג. זי האָט נאָך אַלץ געספּקט, וואָס שייך איר באַשלוס.

די פור איז געקומען. אַ פויער אין אַ קאַזשוך האָט געהאַלטן די לייצעס. זיין פוליש איז געווען קנאַפּיק און האַרט, געמישט מיט ווייסרוסישע ווערטער. מ׳איז ווידער געזעסן אין וואָגן. די רעדער האָבן זיך געדרייט אויף אַן אויסגעפאָרענעם וועג, ווי אויף שינעס. עס האָט ניט געוואָרפן און ניט געטרייסלט ווי די פריערדיקע נאַכט, ווען זיי זענען געפאָרן צו דער קרעטשמע. די נסיעה איז אויך געווען אַ קירצערע. איידער מ׳האָט זיך צוגעוווינט צום חושך, האָט דער פויער שוין געהייסן אַראָפּגיין פון דער פור.

זיי זענען געשטאַנען ביים ראַנד פון אַ וואַלד. אין נאַכטיקן חושך זענען דיביימער זיך צונויפגעוואַקסן אין אַ הויכער שוואַרצער

וואַנט. דער פויער האָט אָפּגעוויקלט פון אַרום זיין קאַזשוך אַ שטריק און געזאָגט אַז יעדער זאָל זיך האַלטן מיט אַ האַנט אָן איר. ער האָט זיי געפירט דורך פאַרבאַרגענע סטעזשקעס. ביים מינדסטן טרעשטש פון אַ צווייג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, איבערגעוואַרט עטלעכע רגעס און געגאַנגען ווייטער.

סוף־כל־סוף האָט ער זיי געהייסן זיך אַראָפּזעצן אויף דער פייכטער ערד. דערנאָך האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן צו בלומקען, וואָס האָט אים פאַרשטאַנען בעסער ווי דאָס וואַרשעווער פּאָרל, און איר אַנגעהויבן שעפּטשען אין אויער: דאָ לאָזט ער זיי איבער — האָט ער געזאָגט — און קערט זיך אום צו זיין פערד־און־וואָגן. זיי געפינען זיך ביים ראַנד פון קיינעמסלאַנד. מיטן ערשטן ליכט זאָלן זיי אָנהייבן גיין איבערן פעלד און האַלטן די אויגן קעגן איבער, צו אַ שטיבל מיט אַ הויכן דראַנג. דאָרטן איז די סאָוועטישע גרענעצוואַך. אַהין דאַרפן זיי דערגיין. איינער דעם אַנדערן דאַרף היטן די טריט, כדי ניט צו פאַרבלאָנדזשען צוריק צו דער פּוילישער גרענעץ.

★

פּאָר טאָג זענען בלומקע, האַלינע און מיעטעק אַרויס פון וואַלד. פּאָר זייערע אויגן האָט זיך געשפּרייט אַ נאַקעט פעלד, אָן אַ מינדסטן געוויקס. דער רויער זאַמדיקער באָדן האָט געשראָקן צו שטעלן אַ פוס. מיעטעק האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און אָוועק דער ערשטער. נאָך אים — האַלינע און בלומקע. בלומקע איז אַ ביסל אָפּגעשטאַנען, מחמת דעם שווערן רוקזאַק און דעם מאַנטל מיט וועלכן זי איז געווען אָנגעטאָן. האַלינע האָט יעדער ווײַלע אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו איר און געמאַכט סימנים זי זאָל זיך צואײַלן. אַ סטייע פייגל איז נידעריק געפלויגן איבער זייערע קעפּ, פון רוסלאַנד קיין פוילן. בלומקע האָט ניט געדרייט מיטן קאָפּ. זי האָט געקוקט גלייך צו דעם הויכן דראַנג לעבן דער גרענעצוואַך פון געגאַרטן לאַנד.

מיעטעק און האַלינע האָבן פאַרשנעלערט די טריט. בלומקע איז געבליבן הינטערשטעליק. זי האָט שווער געאָטעמט. דער שווייס איז גערונען איבערן פנים, געשמאַרצט די אויגן. זי האָט געוואָלט זיך אָפּשטעלן אַ רגע, קומען צו זיך. פּלוצעם, אַ טויבער ביקסנזאַלפּ פון דער פּוילישער זייט. זי איז געבליבן ווי פאַרשטיינערט. נאָך דעם זאַלפּ איז ערשט געקומען אַ געדיכטע שיסעריי. קוילן האָבן געהויבן בערגלעך זאַמד אַרום איר. זי האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן, זיך וואַרפן אויף דער ערד, שפּאַנען ווייטער?

מיעטעק און האַלינע זענען שוין געווען ווייט. ווען זיי האָבן אויסגעדרייט די קעפּ און דערזען בלומקען, האָבן זיי אַ וואַרף געטאָן די וואַליזקעס און זיך געלאָזט לויפן אויף צוריק. די שיסעריי איז געוואָרן שוואַכער. מיעטעק און האַלינע האָבן געכאַפּט בלומקען, יעדער פאַר אַ האַנט, און זי געשלעפּט מיט אַלע כּוחות אַהין, צו דער סאָוועטישער גרענעצוואַך. בלומקע אַליין איז פאַמעלעך געקומען צו זיך און אירע פיס זענען שוין אויך געלאָפן. זי האָט בלויז געלאָזן הינטער זיך אַ זייל פעדערן.

אַ קויל האָט געטראָפן אין איינשיט פון קישן און דער פוך איז געפאַלן אויף דעם זאַמדיקן באָדן. בלומקעס נדן איז געבליבן צווישן די צוויי פיינדלעכע מדינות...

✶

אין וואָכשטיבל האָט אַ סאָלדאַט מיט אַ פּינפּעקיקן שטערן אויפן שפּיציקן היטל זיי געגעבן וואַסער צו טרינקען. דערנאָך האָט ער גערופן אַלע זעלנערס, די רויט־אַרמייער, זיי זאָלן זען דעם בייזן ווונדער, ווי אַ מיידל האָט געהאַט שׂכל צו גנבענען די גרענעץ מיט אַ קישן הינטערן קאָפּ, וואָס האָט איר געראַטעוועט דאָס לעבן. די גאַנצע וואַך האָט געקוקט אויף דעם פוסטן איינשיט פון בלומקעס נדן.

דערנאָך האָט מען די דריי אַריבערלויפערס אַריינגעזעצט אין אַ לאַסטאויטאָ און זיי אָפּגעפירט קיין באַריסאָוו אין ענקאַוועדע צו דער אויספאָרשונג...

— — — — — — — —

שלום דער בעזרוק איז אַ מאָל פֿאַרביי דעם האַלצמאַרק, האָט ער דאָרט געטראָפֿן בלומקעס מאַמע מיטן קאַשיק דרויב. ער האָט איר געפֿרעגט, צו זי הערט עפּעס פֿון בלומקען, האָט זי געענטפֿערט, אַז ניין, זי האָט ניט פֿון איר קיין איינגעטונקטע פֿען. ווי אין וואַסער אַריין, פּונקט ווי איר טאַטע.

אין ווילנע האָט מען נאָך דעמאָלט ניט געוווּסט, אַז אַלע איבערלויפֿערס, וועלכע האָבן געחלומט וועגן אַ ליכטיק לעבן, האָט מען פֿאַרשיקט אַפּצופֿינצטערן די יאָרן אין ווייטע, קאַלטע לאַגערס, אויף קיין מאָל ניט אַרויסצוגיין.

דער שולהויף

דער שולהויף

...מיר האָבן געוווינט אויפן שולהויף, אַקעגנאיבער סטראַשונס ביבליאָטעק, ניט ווייט פון אייזערנעם טויער. מיין מאַמע איז געווען שיינדל פון דער טשיינע. אין פאַרהויז איז געשטאַנען אַ סאַגאַן מיט הייסע וואַסער. פון דעם האָט מען געצויגן די פרנסה. צו אונדז פלעגן קומען טרינקען טיי ווי נאָר אַ שלעפּער, אַ גייער איבער די הייזער, אַלע משוגעים. ווער עס האָט זיך געקאָנט פאַר־גינען, האָט באַקומען, אויסער טיי, אַ לאַדישעק זויערמילך מיט עטלעכע בולבעס אין פּעלצן. אַממערסטן האָבן געטרונקען טיי די משוגעים. ניט קיין וווּנדער. אַ גאַנצן טאָג זענען זיי אַרומגעלאָפן מיט די ציינגער אַרויס. דער סאַמע גלאָוונער איז געווען איסערסאָן. פון וואָס ער איז אַראָפּ פון די רעלסן האָט מען גענוי ניט געוווּסט. אַ מאָל האָט ער געהאַט אַ שוכקראָם אויף רודניצקער גאַס. זיין ווייב איז געקומען צו בעטלברויט, האָט זי דערציילט מיין מאַמען, אַז אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז איסערסאָן אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער אין די הוילע גאַטקעס און זיך צעקרייעט ווי אַ גאַלאַגאַנס־קער האָן. דערנאָך האָט ער געהאַלטן אַ רעדע, אַז אין געשעפט זענען געבליבן בלויז די לינקע שיך. די רעכטע זענען אַוועק קיין ארץ־ישראל. פון דעם האָט זי פאַרשטאַנען, אַז ער איז משוגע געוואָרן, ווייל אַ קלאָרער ייִד דרשנט ניט אָן הויזן. אין שפּיטאָל, אויף אַנטאָקאָל, האָט מען געזען, אַז ער איז ניט קיין בוינער משוגענער, ער רעדט נאָר פאַר פּייער און פאַר וואַסער, האָט מען אים אַרויסגעלאָזט. איז ער געבליבן אויפן שולהויף. די ווייב האָט זיך פאַרטשעפּעט מיט אַ קולעהיי און ביידע זענען אַוועק שנאָרען אין ווייטערע שטעט.

איסערסאָן פלעגט שלאָפן אין פּאָליש פון דער קברנישער

קלויז. דאָרטן האָט ער אויך געהאַלטן זיינע רעדעס. געגעדט האָט ער זייער האַדקע ווערטער אין מויל ניט צו נעמען. ווייבער זענען אַנטלאָפן אַ מייל ווייט ניט צו הערן זיינע דרשות.

אַ צווייטער משוגענער איז געווען שנייקע מיט די פּרימוסן. ער האָט תּמיד געשלעפּט מיט זיך עטלעכע פּרימוסן. געקומען אויפן שולהויף, פלעגט ער זיך פאַרקלייבן אונטער די פילאַרן קעגן איבער דער מאַלאַרסקער קלויז, אַוועקשטעלן די קאַך־מאַשינקעס אָן אַ זייט, אויפשלעפּן שטיקלעך האָלץ און מאַכן אַ פייער אַנצוּוואַרעמען דאָס טעפּל געקעכטס. וואָס ער האָט באַקומען אין דער ביליקער קיך אויף נאַוואָגראָד. שכנטעס פלעגן זיך בעטן ביי אים: שנייקע, גיב דעם טעפּל, מירן דיר אָנוואַרעמען דאָס עסן. ביז ווינצענטי דער סטרוזש האָט אַרויפגעגאָסן אַן עמער וואַסער אויפן שייטער און שנייקען פאַרטריבן פון הויף. פלעגט ער אויפנעמען זיין ווירטשאַפט און אַוועקגיין אין דער רעאַל־גימנאַזיע, אויף רודניצקער גאַס. דאָרט האָבן אים די קינדער געגעבן פוטער מיט ברויט, אַ פּאָר עפּל, האָט ער אויפגעגעבן די קיך. צום רומל האָט ער באַקומען אַ מתּנה אַ דרייפוס. האָט ער אים אויפגעהאָנגען אויפן גאַרטל צוזאַמען מיט די פּרימוסן און אַזוי פּאַראַדירט איבער גאַנץ דייטשע גאַס.

ווען מען רעדט וועגן משוגעים אויפן שולהויף, מוז מען דערמאָנען יודקען די מאַד. יענער, אַז ער האָט דערזען אַ מיידל, אַ ווייבל, איז ער געוואָרן ווילד. יודקע פלעגט זיך יאָגן נאָך זיי ווי אַ קאַץ נאָך וואָראָבייען. אַ ניוּך האָט ער געהאַט, נאָר אויפן וווּנדער. קיין מיאוסע האָט ער ניט געטשעפּעט. די יאַגד פלעגט ער מאַכן נאָר אויף שיינע.

מען האָט אפילו געהאַלטן אויפן שולהויף, אַז ער איז ניט אַזוי משוגע, ווי ער מאַכט זיך. ווייל ווי איז דאָס מעגלעך ער זאָל ווויסן וואָס גוט איז. אַ רעגולערע פּרויענצימער האָט ניט געקאָנט אַדורך דעם שולהויף. יודקע די מאַד פלעגט שטיין אין אַ ווינקל הינטער דעם אַריינגאַנג פון גאונס קלויז און טשאַטעווען אויף קרבנות. האָט ער ווען געכאַפּט, איז יענע אַרויס אַ צעקנייטשטע

פון זיינע הענט. נאָר קושן האָט זיך אים געוואָלט. קינדער פלעגן אים נאָכשרייען: יודקע, די כּלה גייט! האָט ער געוואָרפן שטיינער, געשריען אויף קולי־קולות. די לעצטע יאָרן האָט ער זיך געהאַט אַ ביסל באַרויִקט. ער איז מיד געוואָרן פון יאָגן זיך נאָך ליבע. בעטלען האָט ער ניט געקאָנט. אויף דעם האָט די קאָפּ ניט געאַרבעט. האָט אים אונטערגעקאָרמעט רחלע די משוגענע, וואָס דאָס איז געווען אַ נומער פאַר זיך.

רחלע איז געווען זייער אַ קאָנטיקע. זי האָט געטראָגן אַ שטרויענעם הוט מיט ברייטע ראַנדן און אַ רויטע לענטע אַרום. זי איז געווען די איינציקע אויפן שולהויף, וואָס פלעגט איסערסאַנען, בעת זיינע רעדעס, קוקן אין מויל אַריין, און געפּאַטשט בראַוואָ נאָך יעדן גראַבן וואָרט. אַליין האָט זי געוווינט אין אַ קאָנורע איבער דער קהלשער באָד. אָנטועכץ האָט זי באַקומען פון יִידישן טעאַטער. אין זי טאַקע געווען תּמיד אויסגעפּוצט אין קרינאָלינעס און שפּיצן פון אַלע אָפּגעשפּילטע אָפּערעטעס. צוליב איר הילוך האָט מען זי אויפן שולהויף גערופן רחלע די הויפדאַמע.

זי האָט זיך געליבט אין גדאַלקע דעם חזן, וואָס אַן אים איז זיך גאַרניט פאַרצושטעלן דעם שולהויף. גדאַלקע איז גאַנצענע טעג געשטאַנען ביים כּיור פון דער גרויסער שול און געפּרוּווט די שטימע. ווען ניט רחלע גייט ער אויס פון הונגער, ווייל ער האָט ניט געקאָנט בעטלען. זי פלעגט אים אַרויפרופן צו זיך אין קאָנורע און אים אָנגיסן אַ שיסעלע זופּ וואָס זי האָט געבראַכט פון דער ביליקער קיך. מיט אַ מאָל איז רחלע געוואָרן רונד. דער בויך האָט זיך איר געגעבן אַ הויב אויף. ביז מען האָט זיך געוואָלט געוויר דערוויסן צי זי איז שוואַנגער אָדער ניט, האָט מעןביידן, גדאַלקען מיט רחלען, פאַרשיקט קיין אָלקעניק צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע מאַלאַכאָלנע. אַזוי האָט פאַראָרדנט דער מאַגיסטראַט. מען האָט דאַן גענומען פון שטאָט אויך גוים וואָס זענען געוואָרן פאַר־דרעטשעט. דאָרט, אין אָלקעניק, האָט מען זיי צעוואָרפן איבער יידישע שטיבער פאַר געצאָלט.

דער שולהויף איז אָבער ניט געבליבן אָן קונדן. אָט האָט זיך

געדרייט אַ טיפ צו באַשרייבן. דאָס איז געווען סענדער. ער האָט זיך גערעכנט פון די בעסערע לייט. סענדער האָט געטראָגן אַ הילצערנעם טאַץ מיט העפטן און בלייערס צו פאַרקויפן. קינדער האָבן מער צעשלעפּט ווי געגעבן צו לייזן. זיין שוואַכקייט איז געווען צו ריידן מיט גראַמען. זיינע קונדן, די קליינע ממזרים, פלעגן אים אָנציען מיט פראַגן, און ער האָט געגעבן זיין ענטפער מיט אַ גראַם. ווילנע זאָל ניט פארגעסן סענדערן, גיב איך דאָ עטלעכע זיינע גראַמען:

— סענדער, האָסט אַ בלייער?
— גיי מיט אַ פייער...
— סענדער, גייסט אין באָד?
— כ׳וואָלט געגאַנגען גריילער, האָב איך ניט קיין ליילער...
— סענדער, האָסט אַ כלה?
— גיין זאָלסטו פאַר אַלע..

אויך משה ענגעלשטערן איז געווען אַ שטיקל שולהויף. ער האָט אַליין געשריבן, אַליין געדרוקט און אַליין פאַרקויפט אַ ציטונגל, וואָס האָט געמאַכט אַ קאַלאַש פון דער גאַנצער קהילה. ווי נאָר אַן אַבידע האָט זי ענגעלשטערן אַריינגעזעצט אין זיין ציטונגל. פאַרקויפן האָט ער די ציטונג געוואָלט נאָר שבת. פאַרשטייט זיך, אַז אַלע שבת איז געווען אויפן שולהויף אַ דראַקע. פעטש זענען געלאָפן היילע גרויסע. האָט ער אויפגעגעבן די ציטונג, און אַריבער אויף דרשות. אָבער אויף דרשות האָט איסערסאָן געהאַט דעם פאַטענט. די לעצטע יאָרן איז ענגעלשטערן נעלם געוואָרן פון שולהויף.

צוויי שמשים זענען געווען די סאַמע קענטיקע אויפן שולהויף. איינער איז געווען באַראַן, דער שמש פון דער קברנישער קלויז. ער האָט געהאַט זיין אייגנס אַ גרויסן, רוסישן אויוון. פלעגט זיין ווייב נעמען פון גאַנץ ייִדישע גאַס אַלע טשאָלנטן, האָבן זיי געהאַט אַ שטיקל שטוקעוואַניע צו דער פרנסה. ס׳האָט אַ מאָל געטראָפן און מ׳האָט פאַרביטן אַ טשאָלנט. עמעצער האָט שבת צוגענומען אַ טייערן טשאָלנט מיט אַ קוגל און קישקע, און איבערגעלאָזט אַ

בידנעם טשוגונציק מיט פערלגרויפן און עטלענע בעבלער. און ביי ווענען האָט מען פאַרביטן? ביי יאָסען פון די קוואָס, וואָס האָט גראָד געהאַט געסט, קרובים פון אַמעריקע. יענעם שבת האָט דער גאַנצער שולהויף געקאָכט. אַזאַ גאַזלעוואַיסטווע איז נאָך אויפן שולהויף ניט געווען. די שמשטע האָט ניט געדענקט ווער ס'האָט געבראַכט דעם טעפּל. דער סוף איז געווען אַז יאָסע האָט גענומען זיינע געסט צו וועלפקע אוסיאַן, ווּ אַלע אקטיאָרן פלעגן קומען עסן טשאָלנט, און מ'האָט ווי עס איז פאַרגלעט די מעשה.

אין איין שיינעם פרימאָרגן האָט מען אויף דער וואַנט פון דער מאַלאַרסקער קלויז געפונען אויפגעהאַנגען אַזאַ מודעה:

צו אַלע אָרנטלעכע גנבים!

נעכטן האָט מען בעת דעם ברית ביי נאָנקען די קורצע הענטל אוועקגעשלעפט ביי מיר, זרחן דעם מוהל, אַלע געצייג, ווען איך האָב זיך אָפּגעקערט אויף אַ רגע אויסטרינקען אַ גלעזל. בעט איך מען זאָל מיר אַלץ צוריקברענגען, אַניט וועל איך אַ מכה מל זיין קינדער פון די בלאַטע.

מיט דאַנק פאָרויס

און יישר כוח

זרח דער מוהל

אין אַ טאָג אַרום האָט מען אים אונטערגעוואָרפן זיין רענצל. ס'האָט קיין ברעקל ניט געפעלט.

דער אמתער באַלעבאָס אויפן שולהויף איז געווען דער שמש פון דער גרויסער שול, ר' חיים־מאיר גאָרדאָן. אַ ייִד, אַ גראַף. מיט אַ שוואַרצן סורדוט, אַן איין שפרינקעלע, און אַ באָרד, אויסגעקאַמט האָר צו האָר. ער פלעגט אויפנעמען אויפן שולהויף די גרעסטע לייט, באַווייזן זיי די גרויסע שול. די בעטליירים האָבן פאַר אים מורא געהאַט. ווען ער איז אַדורך דעם שולהויף האָבן אַלע געמאַכט פאַר אים אַ וואָרע. גאָרדאָן האָט שטאַרק געהאַלטן פון ריינקייט און אָרדענונג, צוויי זאַכן וואָס אפילו ווינצענטי, דער סטרוזש פון הויף, האָט ניט געקאָנט באַהויבן. יענער איז אויך געווען יענע צאַצקע. ער פלעגט טרייבן מיטן בעזעם, ווּ נאָר אַן איבעריקער

משוגענער, אָדער סתם אַ שלעפּער פון ניט־הי. ס׳האָט אָבער גאָרניט געהאָלפן. דער שולהויף האָט ניט איינעם געדינט ווי אַ דאַך איבערן קאָפּ. ווינצענטי האָט געהויבן דעם בעזעם, רבי חיים מאיר גאָרדאָן האָט געשטראָפט, און שולהויף איז געבליבן ביים אַלטן.

דער שמש גאָרדאָן האָט געהאַט טעכטער קראַסאָוויצעס. איינע האָט חתונה געהאַט מיט כאַנוטינען פון די קאַלדרעס. ווען זי פלעגט דורכגיין דייטשע גאַס, האָבן אַלע כויכעס, די וואָס שלעפן קונדן אין די קראָמען, נאָכגעקוקט איר פּאַסטאַווע. גאָרדאָן האָט געגעבן חופּה וקידושין דער גאַנצער שטאָט. די חופּה־שטאַנגען פלעגט אים נאָכטראָגן זיין אונטער־שמש. בעתן איבערגעבן די כתובה פלעגט ער זאָגן: דאָ האָט איר אַ קאָנטראַקט אויף הונדערט און צוואַנציק יאָר...

בלויז איזינקען מיט גאָלדען האָט ער ניט געוואָלט געבן חופּה וקידושין. איזינקע מיט גאָלדען זענען געגאַנגען איבער די הייזער מיט אַן עופל אויף די הענט, און געבעטן צען גראָשן פאַר אַ קוק טאָן אויף זייער נחת. אויפן שולהויף האָט מען געפּסקנט, אַז עס פּאַסט ניט. מען דאַרף זיי חתונה מאַכן און דאָס קינד זאָל ווערן אויס ממזר. האָט גאָרדאָן געזאָגט, אַז ס׳איז ניט פאַר זיין שטאַנד אונטערזאָגן דעם הרי את אַזאַ האַלעדריגע ווי איזינקע. זאָלן זיי פאָרן צום ניי־ווילייקער רב. פאַר זיי איז יענער איבערגענוג. הויזן־נייערס פון נאָדל־פאַראיין זענען געקומען אויפן שולהויף אַרויסנעמען די אָבידע. זיי האָבן געשריען, אַז מ׳וועט ניט דערלאָזן קריוודענען דאָס אָרעמע פאָלק. אַ גליק וואָס מען האָט איזינקען מיט גאָלדען אויך אָוועקגעפירט קיין אַלקעניק, איז געוואָרן רויִק.

אויפן דאַך פון דער גרויסער שול איז געלעגן ניט קיין אויפגעריסענע האַרמאַטן־קויל. דאָס רונדע שטיק טשוגון האָט מען געזען פון דער ווייט. זקנים האָבן דערציילט, אַז דאָס שטאַמט נאָך פון נאַפּאָלעאָנס צייטן, ווען ער האָט באַשאָסן ווילנע.

קיין יינגל אויפן שולהויף האָט ניט געוואַגט אַרויפקריכן אויפן דאַך אָנקוקן בעסער די באָמבע. דער שמש גאָרדאָן האָט ניט פאַרשטאַנען קיין חכמות. די איינציקע זאַך, וואָס מיר האָבן געוואַגט

איז זוכן אין פּאַליש פון דער שול די טיר וואָס פירט צו אַ טונעל, דורך וועלכן מען קאָן דערגיין ביז טראָק, ביז דער סאַמע אָזערע. אויפן שולהויף האָבן אַלטע תהילים־זאָגערס דערציילט, אַז ס'איז פאַראַן אַזאַ טונעל, נאָר די טיר איז פאַרמויערט שוין יאָרן, כדי די קאַראַימער פון טראָק זאָלן ניט קאָנען אַריינקומען אין דער גרויסער שול. איך בין שוין געווען אַ גרויסער יינגל, געטראָגן שיך, ניט אַרומגעלאָפן באָרוועס איבערן ברוק, האָב איך געזען אין איין שיינעם פרימאָרגן ווי רבי חיים־מאיר גאָרדאָן פירט אַ גרופּע זייער פאַרנעמע לייט באַווייזן אַלע שיינקייטן פון דער גרויסער שול. ער איז געגאַנגען פאָרויס, מיט דעם גרויסן שליסל אין האַנט, און אַלע הינטער אים. דערנאָך האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו זיי און באַוויזן מיט אַ האַנט נאַפּאָלעאָנס באָמבע אויפן דאַך. איך האָב זיך געגעבן אַ רוק צום געזעמל כאַפּן אַ וואָרט. גאָרדאָן האָט מיך ניט באַמערקט. האָב איך געהערט ווי איינער, מיט אַ פּאָר העלע אויגן, האָט געזאָגט צום שמש:

— אַנשטאָט דער באָמבע האָט מען בעסער געדאַרפט אַרויפזעצן אַ פידלער אויפן דאַך. וואָלט ער גאָר גוט געפּאַסט צום שולהויף.

רבי חיים מאיר גאָרדאָן האָט יענעם שטאַרק אָנגעקוקט, און געלאַסן, ווי זיין שטייגער, געענטפערט:

— דער שולהויף איז ניט פאַר מוזיקע. דער שולהויף איז פאַר תפילה...

שלמה וואַסערל, דער מוכר־ספרימניק, איז דערנאָך אַריין טרינקען אַ גלאָז טיי אין טשיינע, האָט ער דערציילט, אַז די חכמה מיט גאָרדאָנען האָט געמאַכט איינער אַ מאָלער, ער הייסט מאַרק שאַגאַל, אַ וויטעבסקער, נאָר ער וווינט אין פּאַריז. אַ ייִד פון אויסלאַנד, וואָס איז געווען אין דער זעלבער גרופּע, האָט געקויפט ביי שלמה־וואַסערל אַ יום־כּיפּורדיקן מחזור און געזאָגט דערביי ווער יענער איז.

ווי קאָן מען דערמאָנען אַלע ייִדן פון שולהויף? יאָרן גייען און מען פאַרגעסט. אָט האָב איך ניט דערציילט וועגן דעם סופר,

ר׳ הלל. ער פלעגט זיצן ביים נידעריקן פענצטער אין טלית־קטן און שרייבן ספר־תורות. דאָס פענצטער איז סיי זומער און סיי ווינטער געווען פאַרמאַכט. מען האָט פון דעם ייִדן קיין מאָל ניט געהערט קיין הויך וואָרט. אין אַ זומערדיקן פאַרנאַכט האָט מען געקאָנט אים זען זיצן אויף אַ בענקל פאַר זיין טיר און שמייכלען צו די קעץ וואָס האָבן זיך געשאַרט ביי זיינע פיס.

דערציילן אָבער וועגן שולהויף און ניט דערמאָנען אַזאַ טיפ ווי שמערעלע שאַראַפּאַן איז אַ זינד פאַר גאָט. שמערעלע שאַראַפּאַן איז געווען דער אויפטוער פון דער חברה „תפארת בחורים״. דאָרט פלעגן זיך אויפקלייבן אין די אָוונטן די געזעלן פון אַלע פאַכן, כּדי צו כאַפּן אַ ייִדיש וואָרט. שמערעלע האָט געגעבן שיעורים פון חומש, פון תנ״ך. זיין קלוב האָט ער איינגעאָרדנט איבער דער מאַלאַרסקער קלויז. ניט איין מאָל פלעגט מען פון דאָרט הערן אַ געזאַנג, ס׳איז צעגאַנגען דאָס האַרץ. שמערעלע האָט צו יעדן יום־טוב געמאַכט אַ ליד. צו חנוכּה, צו פּורים, צו פּסח, צו אַלץ. אַפילו די חברה „תפארת בחורים״ האָט געהאַט איר אייגענע ליד. ס׳זענען פאַראַן ווילנער וואָס געדענקען נאָך. מ׳וואָלט געדאַרפט אַ מאָל פאַרשרייבן, זאָל עס בלייבן נאָך אונדז. מירן אָוועקגיין און ווער וועט עס דערמאָנען? זיינער אַ ברודער לעבט אין ישראל, האָט ער מיר געגעבן אַ ליד, וואָס שמערעלע שאַראַפּאַן האָט אָנגעשריבן וועגן שולהויף, וועגן די געסלעך אַרום, וועגן הייפן באַקאַנטע. אָט גיב איך דאָס איבער. ס׳זאָל ניט פאַרגעסן ווערן. יעדער קאָן דאָרט געפינען זיינעם אַ נאָענטן שטיין.

שמערעלע שאַראַפּאַנס ליד

אַך, ווילנע, דו אַלטע פאַרהייליקטע שטאָט,
מיין ווילנע פאַרהילט אין דער שכינה פון גאָט
וווּ ס׳האָט דער הייליקער גאון געלעבט
ירושלים ד׳ליטא אין לופט איז פאַרוועבט.
דאָס קדוש־קדשים איז דווקא צעשפּרייט
אין געסלעך שמאָלע, ווי רייפן צעדרייט.
אין מיטן פון אַלעם די ייִדישע גאַס —

אַ שמאָלער, ניט גלייכער און לענגלעכער פּאַס.
דער אייזערנער טויער צעעפנט זיך ברייט
און אָט איז דער הייליקער שולהויף צעשפּרייט
אַלץ איז דאָרט אין שלייער פון סודות פאַרוועבט
די ווענט וועלכע זענען מיט צעטלען פאַרקלעפּט.
די זייגערס פון שקיעה און ליכטצינדן צייט
די קאַסטנס מיט שמות, די אָרעמע לייט.
דער מרחץ, די מקווה, דער ייִדישער אָרט
צו מאַכן זיך ריין צום הייליקן וואָרט.
דער דרייקאַנטיקער באַלקן אויפן דאַך פון דער שול
מיט סודות, לעגענדעס איז אומעטום פול.
דער ליימענער גולם, נישט דער פון פּראַג,
נאָר געמאַכט דורך דעם גאון, דעם ווילנער,
מיט אַן איינציקן זאָג
די קויל אויפן דאַך, נאָך פון פראַנצויזישן קריג
וואָס האָט ניט געבראַכט דעם דערוואַרטעטן זיג
פאַרוועבט איז דער שולהויף אין הייליקער פּראַכט
געדאַוונט, געלערנט ווי טאָג אַזוי נאַכט
מען האָט דאָ אַ מאָל נאָך אין יעטווידער קלויז.
דער שולהויף אין גאַנצן — איין געטלעך הויז.
די קלויז פון דעם גאון אין סאַמע ביים עק,
אַנטקעגן דער אַלטער סטראַשון־ביבליאָטעק.
די קלויז מיט לעגענדעס פאַרשפּינט און פאַרוועבט
ווו ער האָט געלערנט, אין קדושה געלעבט.
און אָט איז די שטאַטשול מיט זיילן די פיר
די שטיינערנע טרעפּ און די אייזערנע טיר.
דער שטיין אויבן־אָן, ביי דעם ארון פון לינקס
אַן עדות אַ שטומער, ווי עפּעס אַ ספינקס,
וואָס רעדט און דערציילט, און מען ווייס ניט אויף קלאָר —
אַ לאַנגע געשיכטע צוריק מיט פיל יאָר.
דער שמש ר׳ חיים דערציילט קורץ, אין איין וואָרט:

— פאַרזיגלט דער שטיין האָט דעם לעצטן רבס אָרט.
און ערגעץ געפינט זיך דאָ אויבעט אַ הייל,
אַ גאַנצע לעגענדע, כאָטש יאָרן דערציילט.
אַזוי איז די שול מיט אגדות אָן אַ שיעור.
טויזנטער קומען באַוווּנדערן איר.
און אָט איז קלויז ישן. ווי אויסגעפוצט, קלאָר.
און טראָגט אויף איר אַקסל שוין פינף הונדערט יאָר.
„תפארת בחורים" אַזש אונטערן דאַך.
ווי אַרבעטער־יוגנט עס לערנט אַ סך.
קלויז פון „יסוד" און קברנישע שול,
ווי גאַנצענע טעג מיט מתפללים פול.
קלויז פון די חסידים. די קלייזל פון „גמ"ח",
די „פועלים"־חברה און קלויזן אַ סך.
צוועלף קלויזן אין שולהויף — די שבטים אַליין
אָט דאָס איז דער שולהויף, די גייסטיקע קרוין.
און גייסטו אַרויסעט פון שולהויף צוריק
און וואַרפסט אויף דעם ייִדישן מלכות אַ בליק:
איז אָט איז ראַמיילעס ישיבה געווען
דער מויער — געפאַלן — אָן קרבנות. אַ נס איז געשען . . .
און דאָ איז די קלויז דבורה־אסתר, איר גמ"ח
געקויפט זיך פון גראַשנס אָן אייביקע זאַך.
ווי שטערנדלעך זענען די קלויזן צעשפּרייט
אַוווּ נאָר מען קערט זיך, אַוווּ נאָר מען גייט,
קלויזן אַריבער די הונדערט אַ סך
פון יעטווידער בראַנזשע, פון יעטווידער פאַך.
פון גלעזער און בלעכער און בעקערשע לייט,
פון שוסטער און שניידער און קירזשנער ביים זייט.
פון פעלקרעמער, סטאָליער וואָס אַרבעטן שיין
און אַ קלויז פון די קלויז־שמשים אַליין . . .
און קלויזן אויף נעמען פון חשובע לייט,
פון גרינדער, צי עמעץ אַ קלויז האָט באַנייט,

דערמאָנט מען אַזעלכענע קלויזן מיט שטאָלץ.
די קלויז פון ר׳ שאול, ר׳ זיינוול, די סאָלץ.
די קלויז ר׳ ישראלקעס,ביים טייבעלע דאָרט
דורך וואָנעט מ׳פירט אַלע צום הייליקן אָרט.
אַפּאַטאָווס, סטראַשונס, צי די יאָגיבעס קלויז
אָנצאָליקע נעמען — עס נעמט זיך ניט אויס.
זיי ליגן זיך אַלע ווי פּערל צעשפּרייט,
אַוווּ ס׳זענען יידן אין שטאָט נאָר פאַרזייט.
אין הויף אין ראַמיילעס, אין קריינעסעס הויף, און וווּ ניט ?
אין הויף פון לייב־לייזער, ביים זייט, אין דער מיט,
ווו ס׳האָט דער גאון, דער ווילנער, געלעבט
און אַלץ אין אַ שלייער געהיימען פאַרוועבט
אין דורכהויף, אין מאַרק פון דעם יידן ; אין הייזער אַרום.
אין יאַטקעגאַס, הקדש־גאַס. יאָ, אומעטום
אין יעטווידער פאַרשטאָט, אין יעטווידער גאַס.
נאָר שטיל און באַשיידן. אָן טומל, אָן רעש
באַהאַלטן און צניעותדיק רוט יעדע קלויז.
ניין ! ניט מיט קופּאָלן ווי „זייערס״ אַ הויז.
בלויז איינע, די כאָרשול, זיך אַנדערש געפירט
זי האָט זיך אויף זייערס אַן אופן געצירט . . .
און דאָך איז זי אויך אין דעם חשבון אַריין,
אין קרוין פון די קלויזן באַמערקט מען איר שיין.
און אָט גיב איך מיר גאָר אַ וואָרף מיטן בליק
פון יענער זייט טייך און פון יענער זייט בריק,
אַהין אין דער געגנט, וואָס הייסט פּיראַמאָנט
אַן אַלטער בית־עלמין, און דאָך — ווי באַקאַנט.
אָט ליגן פיל קברים פון גאונים צעשפּרייט,
דאָס אַש פון גר־צדק אין ווינקל פאַרזייט.
און דו, ווילנער ייד, האַלט דיין טראָט און בלייב שטיין !
דאָ איז דער קבר פון גאון אַליין !
אַ קדושה באַהערשט דיך, דו שוועבסט אין דער הויך.

די שטאָט, די פּאַרפּוצטע, פאַרשווינדט ווי אַ רויך
דו זעסט בלויז די קלויזן, דעם שולהויף, דעם פעלד.
דו זעסט דעם גר־צדק, דעם ריזיקן העלד.
דו זעסט אים, דעם גאון, דאָס הימלשע ליכט
דו זעסט ווי ביי אַ מלאך עס שיינט זיין געזיכט.
און דאַמאָלסט באַגרייפסטו, מיין ווילנער, אַליין
פאַר וואָס עס טראָגט ווילנע די הערלעכע קרוין,
דעם נאָמען ירושלים פון ליטע מיט פּראַכט
און ווערט ביי דעם פאָלק ווי אַ מקדש באַטראַכט.

— — —

ווען איך קאָן מיך דערמאָנען, דערציייל איך נאָך וועגן שולהויף. אָט, למשל, האָט מען זיך געשושקעט אַז הינטער דער קהלשער באָד וווינט אַ שדעבע און אַ ייִד לעבט מיט איר. זיי האָבן געהאַט קינדער. ווען דער ייִד איז געשטאָרבן זענען נאָכגעגאַנגען נאָך זיין קאַסטן שייטלער האָלץ. ווער עס האָט געזען די לוויה ווייס מען ניט, אָבער אַז די שייטלער האָלץ זענען געווען די קינדער, אין דעם זענען אַלע געווען זיכער.

יעדער ווינקל אויפן שולהויף האָט געהאַט וואָס צו דערציילן. וויפל מען האָט פאַרשריבן, איז מען ניט צו אַלץ דערגאַנגען. איך האָב זיך אויפגעהאָדעוועט אויפן שולהויף, געלעבט דאָרט ביזן לעצטן טאָג, ווען מען האָט נאָך געקאָנט פריי אומגיין. דערנאָך בין איך געגאַנגען ווו די דייטשן האָבן מיך געטריבן. אין געטאָ, אין לאַגער, אין טויט אַריין. איצט ווווין איך אין קאַנאַדע. איך לעב דאָרט אַ לעבן, וואָס כ'האָב אויפן שולהויף ניט געקאָנט חלומען דערפון. איך האָב מיין פאַרמעג זיבן וועשערייען. ביי מיר וואַשט מען וועש פון דער גאַנצער שטאָט. און איך זע גאָר מיין מאַמען, שיינדל פון טשיינע, ווי זי שטייט איבער דער באַלייע אין פאָדער־הייזל און רייבט אויף אַ בלעכענער וואַשברעט מיין פאַרלאַטעט העמד.

...ווי מיינט איר, אַ טרער קאָן אָפּוואַשן דעם זכרון? כ'וואָלט אַזוי געוואָלט זיך נאָך מער דערמאָנען, נאָך מער...

בריינדל פון ציריק

ציניזעלי

ברײַנדל פֿון צירק ציניזעלי

ברײַנדל איז געװען אַ קײלעכדיקע יתומה. איר מאַמע האָט יאָרן געמאַכט װאָלטיזשערקע אין ציניזעליס צירק אונטערן נאָמען מאַדאַם פּעטי. זי איז געשפּרונגען אויף אַ פֿערד, װאָס האָט גאַלאָפּירט רונד דער אַרענע. פֿון שפּרינגען אַרויף און אַראָפּ האָט זי זיך אָנגעמאַכט אַ קראַנקייט אין בויך, אַז אַפֿילו דאָקטאָר זאַרצין איז געװען שװאַך קעגן איר. לאַנג האָט זיך ברײַנדלס מאַמע ניט געמאַטערט. דער פֿעלדשער לעװינסאָן פֿון ייִדישן שפּיטאָל האָט דערנאָך דערצײלט, אַז זי איז אַװעק װי אַ גראַפֿיניע. שטיל, רויִק. ניט געדרײט קײן קאָפּ.

נאָך דער װײַבס טויט האָט זיך ברײַנדלס טאַטע לאַנג ניט געהאַלטן. ער האָט אָנגעהויבן טרינקען און פֿאַרברענט די לעבער. דער טאַטע איז אויך אויפֿגעטראָטן בײַ ציניזעלין. אויפֿן אַפֿיש האָט ער געהײסן דער קלאָון פּיפּאָ. צװײ דאַרע מאַלפּעס, אײנע אויסגעפּוצט מיט אַ רויטן שלײף אויפֿן קאָפּ, האָבן אים געהאָלפֿן אין זײַן נומער. אײן מאַלפּע האָט געזוכט אומפּלײטן בײַ דער אַנדערער און דער עולם האָט געלאַכט; אָבער פֿון אײן טריק האָט מען זיך געהאַלטן בײַ די זײַטן. ער האָט פּאַראַדירט איבער דער אַרענע אין אַ לאַנגן, געקעסטלטן ראָק, מיט אַן אויסגעהוילטן קאַרטאָפֿל אויפֿן נאָז, און געשפּריצט װאַסער פֿון קאָפּ. ציניזעלי האָט זײער געהאַלטן פֿון אים, קײן מאָל אים קײן קרום װאָרט ניט געזאָגט. האָט מען אים אָבער געפֿונען ליגן נעבן זײַנע צװײ מאַלפּעס. אײנע האָט אים געשלעפּט פֿאַר אַ האַנט ער זאָל אויפֿשטײן. די צװײטע האָט געפּרוּװט פֿאַרזוכן פֿונעם איבערגעקערטן פֿלעשל בראָנפֿן.

ברײַנדל איז דעמאָלסט אַלט געװען אַ יאָר צען. האָט איר

צוגעטוליעט די דראַטן־גייערקע צירל, וואָס מען פלעגט זי אָנאָנסירן מיראַנדאַ פון קאַטאַלאָניע, מיט אַ פאַרביקער קלישע, ווי זי גייט אויף אַן אָנגעצויגענעם דראָט אָנגעטאָן אין אַ קורצן, ווייסן רעקל, מען זאָל זען די געטאַקטע פיס. די פּאָר איינציקע יידישע צירקאָווצעס האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען. צירל האָט מער פון אַלע געטרויערט אויפן טויט פון אירע פריינד. אַזוי האָט זיך ציניזעלי זייער גערעכנט מיט זיי, באַפרייט פון אַ פאַרשטעלונג יום־כיפור צי ראש־השנה. איצט האָט זי שוין ניט געוווּסט ווי ס׳וועט זיין. דערווייל האָט ציניזעלי געהייסן צירלען זיך אַריינקלייבן אין וואַגאָן, וווּ ס׳האָבן געוווינט ברײַנדלס טאַטע־מאַמע און צוהיטן דאָס מיידל און די פּאָר בעבעכעס, מען זאָל זיי ניט צעשלעפּן.

צירל האָט זייער ערנסט גענומען דעם ענין פון האָדעווען ברײַנדלען. אַליין געווען שטאַרק עלנט, געהאַט בלויז אַ ווייטע קרובה פון ניט־הי. דער צירק איז געווען איר היים. פון אַלע אין ווילנע האָט זי געקאָנט צאַלקען דעם פרייער, ווייל ער איז געווען אַ קינד פון דער זעלבער בראַנזשע. ס׳האָט אַפילו געהאַלטן ביי אַ חתונה, אָבער צאַלקע האָט זיך פאַרדרייט מיט אַן אַנדערער, וואָס צום סוף האָט זי אים פאַרלאָזן און אַוועק קיין ארץ־ישראל. ס׳האָט נאָך אים געקאָסט געלט אויך. אַזוי האָט ער איך נאָך דעם דערציילט.

צירל האָט אָנגעהויבן צוהיטן ברײַנדל זאָל נעמען יעדן פרימאָרגן דעם ראַנעץ מיט די העפטן און ביכלער און גיין אין קלאַס. זי זאָל פילן דעם יאָך. טאַטע־מאַמע זענען טאַקע געווען ניט מער ווי צירקאָווצעס, אָבער זיי האָבן צוגעזען ברײַנדל זאָל זיך ניט וואַלגערן אויפן פוסטן פּלאַץ הינטערן צירק, ווי די שיקסלקעס פונעם פייער־שלינגער. אַ דאַנק צירלען האָט ברײַנדל געענדיקט די שול אויפן נאָמען פון דבורה קופּערשטיין, וווּ די לערערין מירע האָט געוועלטיקט. צירל האָט זיך ניט געפוילט און געגאַנגען פרעגן ביי דער לערערין מירע וואָס ווייטער צו טאָן. די לערערין מירע האָט געהאַט אַ פאַרטיקן פּלאַן. ברײַנדעלע וועט ענדיקן די שול און גיין אין „הילף דורך אַרבעט״, זיך לערנען שניידעריי. וועט זי האָבן אַ פאַך אין האַנט און זיין אַ געמאַכטער מענטש. האָט אָבער,

ציריל איין מאָל דערזען ווי ברײַנדל איז געקומען מיט אַ כאַפּטע חברטעס און זיי אויסגעזעצט הינטערן צירק, ווו עס שטייען די פּאָר שטייגן מיט די חיות. דאָרט האָט זי אָנגעשפּאַנט אַ שטריק צווישן צוויי סלופּעס, אַ מעטער איבער דער ערד, און געוויזן איר פּובליקום ווי זי גייט איבערן שטריק, האַלטנדיק גלײַכגעוויכט מיט אַ לאַנגן דראַנג אין בײַדע הענט. צירלען האָט אָפּגעריסן אין האַרצן. ניט אַזוי צוליב דעם פּחד אַז ברײַנדל קאָן זיך נאָך חלילה אויסגליטשן און אויסדרייען אַ פוס, נאָר צוליב דער גרויסער אַנטוישונג. ציריל איז געשטאַנען פון דער ווײַט מיט פאַרבראָכענע הענט און אויסגעקרעכצט צו זיך אַליין:

— די קלאָג איז פאַרטיק... זי בלײַבט שוין אין צירק...

✶

אַזוי איז טאַקע געווען. ברײַנדל איז געבליבן בײַ ציניזעלין. זי האָט זיך אײַנגעעקשנט, טראַפּעטשעט מיט די פיס, געוויינט און געיאָמערט ביז ציריל האָט זי גענומען צו דער לער. דער לערערין מירעס פּלאַן זי זאָל גיין צו שנײַדערײַ איז באַגראָבן געוואָרן אינעם זאַמד פון דער אַרענע. די לערערין מירע האָט געטענהט, אַז דאָס איז ניט קיין ייִדישער פאַך. מילא, אַ באַלערינע, איז צו פאַרשטיין, אָבער גיין איבער אַ שטריק? ציריל האָט דערקלערט דער לערערין, אַז ברײַנדל האָט צירקאָווע בלוטן. ס׳וועט גאָרניט העלפן. זי האָט זיך אויסגעקליבן אַ ביטערע ברויט, נאָר אַ קאָלירטע.

ציריל האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. פּאָר טאָג האָט זי געשלעפּט ברײַנדלען זיך איבן אויפן שטריק. חדשים גאַנצע האָט זי געלערנט ברײַנדלען ווי אַרויסצולויפן אויף דער אַרענע, ווי זיך צו פאַרנייגן פאַרן פּובליקום מיט אַ טיפן קניקס, ווי צו נעמען עלעגאַנט דעם באַלאַנסיר־שטעקן, ניט שלעפּן אים ווי אַ פּאָמעלע. דערנאָך האָט זי איר באַוויזן אַלע פאַרטלען אויפן שטריק. שטיין רויִק ווען די שטריק צעוויגט זיך, איבערוואַרטן, ניט פאַרלאָזן זיך אויף מזל. קוקן נאָר פאָרויס און גלויבן אין גאָט.

ווען צירל האָט דאָס ערשטע מאָל געהייסן אויפהענגען גאָר הויך די שטריק פאַר ברײַנדלען, איז דער גאַנצער צירק געקומען אויף טשיקאַוועס זען ווי דאָס וועט גיין.

גאַנץ פרי האָבן זיך אויסגעזעצט אינעם לײַדיקן צירק אַלע אַרטיסטן מיט ציניזעלין בראש. אַלעם ערשט האָט צירל געהייסן אָנציען די נעץ טאָמער וואָס ווען, ברײַנדל פאַרלירט די גלייכגעוויכט. דערנאָך האָט זי אַ גוטע פאָר מינוט געריבן ברײַנדלס פּלאַנטעס מיט טרוקענעם קאַלך. זי אַליין האָט פאַרשנורעוועט די פּלאַנטעס אויף ברײַנדלס דינע פּיסלעך, איר געגעבן אַ שטופּ צום לייטערל און אויסגערופן איבערן גאַנצן צירק:

— שמע־ישראל!

די לערערין מירע איז געווען גערעכט. דער צירקאָוונער פאָך איז ניט געווען קיין ייִדישער. פון אַלע דרעסירערס, פּייער־שלינגערס, עקוויליבריסטן, זשאָנגלערן, אַקראָבאַטן, קלאָונען, די סאַלטע מאָר־טאַלע־מאַכערס אויף די וויגעלעך — פון זיי אַלע זענען ברײַנדלס טאַטע־מאַמע און צירל געווען ייִדישע; אָבער דעם אייביקן ייִדישן רוף האָבן אַלע געקאָנט. זיי האָבן געוווּסט, אַז דאָס דינט אין דער ריזיקאָוונער בראַנזשע ווי ביי זיי, ביי די גויִים, דאָס איבערצלמען זיך פאַר אַ געפערלעכן נומער. איצט איז דער גאַנצער צעך געזעסן מיט די קעפּ אויפגעהויבן אין דער הויך זען ווי וועט ברײַנדל זיך געבן אַן עצה.

זי האָט זיך געגעבן אַן עצה. דאָ, דאָרט האָט זי געכאַפּט אַ ציטער, כּמעט אַרויסגעלאָזט דעם שטעקן פון די הענט, ·אָבער טריט ביי טריט איז זי אַריבער פון איין ברעג שטריק צו דער אַנדערער. אַלע האָבן געפּאַטשט בראַוואָ, געטרייסלט צירלען פון אַלע זייטן, איר מברך געווען. צירל איז געשטאַנען צווישן זיי, צערויטלט ווי אַ מחותנתטע. ברײַנדל איז אַראָפּגעקראָכן דורכן לייטערל צוריק אויף דער אַרענע, האָט דער ערשטער זיך געריסן קושן איר דער שגץ פון שוועדן, דער זשאָנגלער. צירל האָט אים קוים אָפּגעריסן. דערנאָך, זייענדיק מיט ברײַנדלען אַליין אין וואַגאָן, האָט זי איר פאַרגעזאָגט:

— אַ מיידל פון פופצן יאָר לאָזט זיך ניט אַזוי שמאָקטשען... דער שגץ קאָן מיינען, אַז ער האָט געכאַפּט אַ ציזשע, איך ווייס דאָרט וועמען...

✶

ברײַנדל איז שוין געווען אַ פאַלנע דראָטן־גייערקע. צירל האָט זיך ניט אַרומגעקוקט, זענען אַוועקגעלאָפן אַ פּאָר סעזאָנען און איר האָדולקע האָט אָנגענומען פלייש אויף זיך. צירל האָט איין מאָל אויפגעפּנט די אויגן בעת אַ העלן, זומערדיקן פרימאָרגן, האָט זי דערזען ברײַנדלען, ווי זי שטייט אַ האַלב נאַקעטע קעגן איבער דעם צעשפּאַלטענעם שפּיגל און קלייבט נחת פון די אייגענע גלידער. פון דעם מיידל מיט דער פלאַכער ברוסט און די מאָגערע פיסלעך איז אויסגעוואַקסן אַ גאַנצער מענטש מיט אַלץ וואָס מען דאַרף... אַזוי האָט געטראַכט צירל און געזיפצט, ניט, חלילה, אויף ברײַנדלען, נאָר אויף זיך אַליין.

אַזוי איז ברײַנדל אויפגעטראָטן צוזאַמען מיט איר פּאַטראָן. דעם עולם איז עס גראָד געפעלן. פריער פלעגט צירל מאַכן עטלעכע רונדעס, דערנאָך ברײַנדל. פאַר דער צייט האָט זי זיך אויסגעלערנט דורכפאָרן די שטריק מיט אַ ראָווער אָן שינעס, איז דער בשותפותדיקער נומער געווען אַזוינס און אַזעלכעס. אָבער שוין צוויי סעזאָנען ווי ברײַנדל טרעט אויף אַליין. ביי צירלען איז אָן אָדער אַרויס אויפן לינקן פוס. געהונקען האָט זי ניט, אָבער גיין אויפן שטריק איז איר געוואָרן זייער שווער, ממש סכנת־נפשות. האָט מען אַראָפּגענומען זי פון אַפיש און ברײַנדל איז געבליבן אַליין אונטערן נאָמען מיסיס מאַקדאָנאַלד פון ליווערפול. צירל האָט ניט געוואָלט עסן קיין אומזיסטע ברויט. זי האָט געוואָלט אַוועקגיין פון צירק, גיין האָט זי יאָ געהאַט ווו. די קרובה פון מיישעגאַלע, הינטער ווילנע, האָט איר געוואָלט ריידן אַ שידוך מיט אַ דאָרפישן אַלמן ניט קיין אַלטן, איינגעאָרדנט, מיט קי. ברײַנדל האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט ווי דאָן, ווען זי האָט געבעטן צירל זאָל איר

לערנען דעם פֿאַר. זי האָט איר געזאָגט, אַז זי איז איר ווי אַ מאַמע. מען איז אַזוי אויך גוט עלנט, צווישן סאַמע גויים. ווי וועט זי בלייבן אַליין? דאָס טעפּל האָבערנע גרויפּן וואָס צירל קאָכט אָפּ, קלעקט פֿאַר ביידן. זי, ברײַנדל, פֿאַרדינט דאָך. ציניזועלי באַוואָלט איר ניט.

צירל זאָל דאַרפֿן אַוועקגיין פֿון צירק, וואָלט דאָס פֿאַר איר געווען אַ ריס אין האַרץ. זי האָט ליב באַקומען ברײַנדלען ווי אַן אייגן קינד, געשפּיגלט זיך אין איר יוגנט, געפֿילט אַן אחריות פֿאַר איר. אָט וועט זי אַוועקגיין און די פֿאַר ווערזילעס, קאַזיק דער אַטלעט, וואָס טרעט אויף אונטערן נאָמען „די אייזערנע מאַסקע", אָדער אפילו דער לאַנגאַץ, דער שוועד, מיט די ברייטע לאַפּעס אויפֿצוכאַפּן פֿון דער לופֿט אַכט טעניס־פּילקעס אויף איין מאָל. זיי וועלן זיך נעמען צו אירע ביינער און זי וועט ווערן אין גאַנצן צעלאָזן. כּל־זמן זי האַלט אויף איר אַן אויג קאָנען זיי קיין צוטריט ניט האָבן צו איר. זי איז שוין באַלד אַ כּלה־מיידל, ברײַנדל. מען דאַרף זי צוהיטן פֿאַר אַ לייטישן שידוך . . .

*

קריינגעל, דער באַלעבאָס פֿונעם הויף און דעם צירק־בנין, האָט זיך אָנגעהויבן טשעפּען צו ציניזועלין. ער האָט געמאַכט סקאַנדאַלן: די חיות גייען אונטער זיך. דער העלפֿאַנד האָט אַ לויזן מאָגן. דער גאַנצער שטיק הויף הינטערן צירק איז פֿול מיט שמוץ. די שכנים ווילן אָנגעבן אין געריכט. דער אַוועק איז ניט אויסצוהאַלטן.

ס'איז אמת געווען. ס'איז ניט געווען וועגן ס'זאָל רוימען. ציניזועלי האָט געצאָלט זייער ווייניק. ער האָט געהאַלטן אַז אַן אַרטיסט אויף דער אַרענע מוז ער צאָלן. יענער ברענגט פּרנסה. אָבער אַ האָלעדריגע מיט אַ בעזעם זאָל וועלן באַרייסן? טאָמער איז איינער יאָ געקומען, געוואָלט אַרבעטן, האָט ער זיך דערשראָקן פֿאַר די לייבן אין שטייג. די חיות האָבן קוים געזשיפּעט. מען האָט

זיי געהאַלטן נאָר פּאָר אַ פּוץ, אַרויסגיין אויף דער אַרענע, זיך אויסגענעצן און דורכשפּרינגען אַ רייף, וואָס דער דרעסירער, אַן אָפּגעטראָגענער גוי מיט לאַנגע וואָנסן אין אַן אונגאַרישער טוזשורקע, ווי עס האָבן געפעלט די שלייפן, האָט געהאַלטן אָנגע־גרייט אין איין האַנט; אָבער גיי דערציייל אַ זייטיקן, אַז די לייבן זענען שוין אָפּגעשפּילטע און מען קאָן זיי קאָרמענען מיט זויערמילך פון האַנט.

ציניזועלי האָט אָבער עפּעס געמוזט טאָן אין דעם. ס׳זענען צו אים דערגאַנגען קלאַנגען אַז קריינגעל זוכט אַ מינדסטע פּריטשעפּקע פּטור צו ווערן פון צירק. ס׳איז אים נמאס געוואָרן דאָס קאָפּדרייעניש. ווי נאָר, אַז די לעצטע צייט האָט ציניזועלי געזען ווי אַ ייִד מיט אַ באָרד טאָלקעוועט עפּעס מיט קריינגעלן, רעדט אים עפּעס איין. ציניזועלי האָט זיך דערוווּסט אַז יענער ייִד וויל איבערבויען דעם צירק אויף אַ טעאַטער. קריינגעלן איז עס דווקא געפעלן געוואָרן. אַ טעאַטער איז אַ געשעפט אָן חיות. אויסער דעם האָט דער ייִד מיט דער באָרד צוגעזאָגט דעם גאַנצן רעמאָנט נעמען אויף זיך. האָט ציניזועלי געבעטן ביי די צירקאָוועצעט אפשר האָט ווער אַ רייניקער אין גלייכן געלט. צירל איז געווען פריי פון די אויפטריטן, איז זי אַוועק זען צאָלקען דעם פרייער. האָט איר צאָלקע דערציילט, אַז אין די ביליקע הייזער אויף סובאַטש ווינען בחורים, וואָס גרייטן זיך פאָרן קיין ארץ־ישראל. זיי גייען אַרבעטן פאַר גראַשנס, אָבי איבערקומען דעם טאָג. צירל איז אַוועק און געבראַכט פון דאָרט אַ בחור, יענער האָט גענומען דעם בעזעם און גלייך דעם ערשטן טאָג אויסגעקערט דעם הויף, אויפגענומען דאָס מיסט, אויסגעוואַשן אַלע קובלען. ציניזועלי האָט זיינע אויגן ניט געגלויבט. צירל האָט ניט געוווּסט אַז זי האָט געבראַכט אויף זיך אַן אומגליק, וואָס וועט איר קאָסטן אַ סך געזונט ביז עס וועט קומען צו אַ ביסל נחת.

*

ברײַנדל האָט זיך פאַרליבט. זי האָט דערזען דעם יונגן־מאַן פון דער הכשרה מיטן שופל פון דעם מיסט אין האַנט, האָט איר

אַ טיאַכקע געטאָן אונטערן לעפעלע. אַ שלאַנקער בחור, מיט צונויפגעוואַקסענע ברעמען איבער אַ פּאָר שוואַרצע אויגן, ווי ציטיקע קאַרשן, דאָס פּנים איז סמאַגלע, סאַמעט־גלאַט. די באַקן בעטן זיך געבן זיי אַ גלעט. גאַנץ פרי, ער קומט צו דער אַרבעט, קוקט שוין ברײַנדל אַרויס דורכן פענצטערל פון וואַגאָן און גייט אים נאָך מיט איר בליק אין יעדן ווינקל, וווּ ער פּאָרעט זיך. אָט האָט ער אויסגעקערט אַרום לייבנשטייג. דערנאָך איז ער אַוועק צו די פערד. פון דאָרט צו דעם העלפאַנד, וואָס ער גיט אַרבעט מער פון אַלעמען. און אַלץ אַזוי רויק, געלאַסן. אָן אַ ברעקל מורא.

צירל האָט געמאַכט קאַווע, צעשניטן אַ קעזל. ברײַנדל האָט אַרויפגעצויגן די זאָקן אויף די פיס, אויסגעגלייכט דעם נאָט און, מכלומרשט, דרך־אגב, אַ פרעג געטאָן:

— ווי הייסט ער דאָרט, דער בחור וואָס רוימט דעם הויף?

— איזקע...

— אַ ייִדישער ייִנגל צו אַזאַ אַרבעט?

— ער וויל פאַרדינען אַ גראָשן. אין שטאָט איז זייער שווער געוואָרן. פריער האָט ער געאַרבעט ביי סוווירסקען אין האָלצסקלאַד. די אַנדערע דאָרט האָבן מיר דערציילט ווער ער איז, וואָלסטו ניט געגלויבט. אַ טאַטנס אַ קינד. נעכטן האָב איך אים געגעבן אַ פליישקניידל מיט קאַשע, האָסטו געדאַרפט זען ווי ער האָט געהאַלטן דעם גאָפּל. מען זעט גלייך פון וואָס פאַר אַ שטוב ער איז.

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט און ברײַנדל האָט זיך באַפריינדעט מיט איזקען. דעם שועד, דעם זשאָנגלער, איז דאָס אין גאַנצן ניט געפעלן געוואָרן. ער האָט שטאַרק געהאַפט אַז ברײַנדל וועט אַריינפאַלן צו אים. דאָ איז געקומען אַ בחור, וואָס ראַמט אונטער די מענאַזשעריע, און נעמט צו דאָס שענסטע מיידל אין צירק. דער שועד האָט געזוכט אויף אים אַן אַבידע, ווי צו געבן אים אַ קלאַפּ. איזקע האָט אים אויסגעמיטן, ניט אויס מורא, נאָר סתּם, ס'זאָל זיין רויִק. האָט דער שועד זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים

אַן שום סיבה און זייער שלעכט אָפּגעשניטן. איזקע האָט אים געגעבן אַ שמאַטיי פון זיך, איז דער זשאָנגלער געפלויגן אין דער לופטן, טאַקע ווי זיינער אַ טעניסבאַל. ברײַנדל האָט אַלץ צוגעזען. איז זי צוגעלאָפן צום אויפרוימער און אים אָפּגעדריקט צוויי הייסע קושן אויף ביידע סאַמעטענע באַקן. פון דאַן אָן האָט דער שווער אויפגעגעבן און דאָס פּאָרל האָט געקאָנט רויִק זיצן נעבן אַריינגאַנג אין וואָגאָן און שמועסן. ניט אַזוי שמועסן ווי זוכן איינער דעם אַנדערנס פינגער, כּדי זיי צו פאַרפלעכטן אויף שעהען.

✶

די געשעפטן אין צירק זענען ניט געגאַנגען, ציניזועלי האָט געטענהט, אַז מען דאַרף בייטן אַ ביסל נומערן. דעם עולם איז מיאוס געוואָרן די אייביקע וואָלטיזשערקע און דאָס ציען סטענגעס פון מויל. ס'האָט שוין באַלד געהאַלטן ביים פאַנאַנדערלאָזן די טרופּע, האָט דעם צירק געראַטעוועט אַ שפּאָגל נייע סענסאַציע. ס'איז געקומען צופאָרן אויף גאַסטראָלן דער גיבור זישע ברייטבאָרד. ציניזועלי איז געוואָרן אויפגעריכט. אָט האָט ער געהאַט אַ ריזן־נומער אין זיין פּראָגראַם. גלייך ווי מען האָט אויפגעהאַנגען דעם ערשטן אַפיש אין שטאָט, איז גאַנץ ווילנע געלאָפן קויפן בילעטן. ס'איז געווען וואָס צו זען. פריער פלעגן טאַקע אַרויסקומען די פּאָר אויסגעבוילאָמטע קלאָונען מיט די אַלטע שטיק. דערנאָך די סוואָרע הינט, וואָס האָבן געשפּילט פוטבאָל. ביי ברײַנדלס נומער מיטן ראָווער איבער דער שטריק האָט זיך דער עולם אַ ביסל אויפגעמונטערט, אָבער געוואַרט האָט מען אויף זישע ברייטבאָרדן, ער זאָל אַרויספאָרן אויף דער אַרענע אויף אַ רוימישן רייטוואָגן מיט אַן אַראַבישער קאָבילקע נאָשפּיץ. אַליין איז ער געווען אָנגעטאָן ווי טיטוס הרשע, אָבער דער רויטער טוניק מיט דעם קופערנעם העלם אויפן קאָפּ האָבן אים אַזוי געקליידט, אַז דער יידישער עולם האָט פאַרגעסן וועגן חורבן בית־המקדש און הייס געפּאַטשט בראַוואָ זייער העלד. פריער האָט ער גענומען אַ שטאָבע אייזן און אַרומגעדרייט אַרום אַרעם ווי אַ רצועה. ווען

די התלהבות איז אַ ביסל אַריבער, האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד מיטן פּנים אַרויף. צוויי באַדינערס האָבן אַרויפגעלייגט אויף אים אַ בלאַט פון אַ טיש. דערנאָך האָט מען אַריינגעפירט דעם העלפאַנד, ער זאָל אַרויפגיין מיט די פאָדערשטע פיס אויף זישען. ביז מען האָט אַרויסגעפירט צוריק דעם העלפאַנד און זישע ברייט־באָרד האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס בלאַט, זיך אויפגעשטעלט פריש און מונטער, איז דער גאַנצער עולם געזעסן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. דערנאָך זענען די געשרייען און די אָוואַציעס געווען אין לשער.

✶

אויף ציניזעלין איז אַרויף אַ נייע הויט. ער האָט זיך אויפגענייט אַ פּאָר ברוינע שטיוול פון שעוראָ־לעדער און גאַבאַרדינענע גאַליפע־הויזן. איצט האָט ער אויסגעזען ווי אַן אמתער צירק־דירעקטאָר, ניט עפּעס ווי אַ באַלעבאָס פון אַ באַלאַגאַן אויפן מאַרק. ער האָט אויך געהייסן דינגען נאָך צוויי דינערס אויף אַריינצוטראָגן דאָס בלאַט פון טיש פאַר ברייטבאָרדן. זאָל זען דער עולם ווי שווער עס איז אַן דעם העלפאַנד. איזקען האָט ער פאַרגעלייגט צו בלייבן באַדינען די פאָרשטעלונג פאַר אַ צוגאָבלוין. דער בחור איז אים זייער געפעלן געוואָרן. ציניזעלי האָט געקאָנט דעם ווייבערשן עולם. יעדער רעגולערער מאַנסביל אויף דער אַרענע לייגט צו אַ האַנט צום בילעטן־פאַרקויף. ווען איזקע האָט אָנגעטאָן דעם קאָרטענעם מונדיר מיט די מעשענע קנעפּ, איז געווען אַ פאַרגעניגן צו קוקן אויף אים. ער האָט געזאָגט ברײַנדלען, אַז אים אַרט ניט, אַבי צו פאַרדינען נאָך אַ פּאָר גראָשן. ברײַנדל האָט זיך געשפּיגלט, ניט אין די אויסגעפוצטע קנעפּ, נאָר אין זיין סמאַגלען, געשניצטן פּנים.

ברײַנדל האָט איינגערעדט צירלען מען זאָל לאָזן איזקען איבערשלאָפן די נאַכט אין וואַגאָן. גיין נאָך אַ פאָרשטעלונג פון לודוויסאַרסקע גאַס, ווו דער צירק איז געווען, ביז צו די ביליקע

הייזער אויף סובאַטש, איז אַ שטיקל מהלך. איזקע האָט געזאָגט, אַז ס'איז ניט שרעקלעך, ער קאָן גיין, אָבער ברײַנדל האָט אים פאַרזיכערט, אַז ער שטערט קיינעם ניט. מען וועט אים אויסבעטן אַ געלעגער אין ווינקל, ביי דער טיר. צירל איז ניט געוועזן אַזוי גליקלעך פון דעם פּלאַן, אָבער זי האָט געזען ווי איר האָדולקע ברענט נאָך איזקען, נעמט פון אים ניט אַראָפּ די אויגן. האָט זי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, און געבורטשעט אין דער שטיל:

— ס'איז ביטער, זי האָט זיך פאַרטשאַפּעט...

איידער מען צעגייט זיך, יעדער אויף זיין געלעגער, זיצט דאָס פּאָרל אין דרויסן אָנגעשפּאַרט אָן וואַגאָן. די לבנה, ווי אַ העלער צירק־לאַמטערן אין אַ נומער מיט יאַפּאַנצעס, וואָס מען האָט פאַרגעסן צו פאַרלעשן, וואַרפט אַ געלבלעך ליכט אויפן שטיקל שטח. דער אָגער פון דער וואָלטיזשערקע שלאָפט ניט. ער טופּעט מיט די הינטערשטע קאָפּיטעס אין דער דינער וואַנט, וואָס טיילט אים אָפּ פון ברייטבאָרדס קאָבילע. צוויי זאַכן ווילט זיך אים, דעם פערד. אַרויסגיין איצט, אין דער וואַרעמער זוניקער נאַכט, אויף אַ לאָנקע, מעג זיין אפילו געפּענטעט, און צופּן דאָס זאַפטיקע גראָז. דאָס איז איינס. דאָס צווייטע ווילט זיך אים אַרויפלייגן די פערדישע מאָרדע אויף דער קאָבילעס שלאַנקן האַלדז. נאָר מאַלע וואָס עס ווילט זיך. אָט וויל ברײַנדל זיך צוטוליען נאָענטער צו איזקען. זי וואָלט אָפילו אים אַרומגענומען און צוגעפּרעסט אירע ליפּן צו זיינע. האָט אָבער צירל נעכטן געשריען אויף איר: אַ מיידל פון אַכצן יאָר גייט נאָך אַ בחור פּוסטריט... דאָס איז גוט פאַר די שיקסעס, וואָס העלפן דעם קונצן־מאַכער... אַ יידיש קינד דאַרף וויסן ווו איין און ווו אויס... אָפּילו אַ צירק, אָבער ס'איז ניט הפקר... ברײַנדל מוז זיך רעכענען מיט צירלען. זי איז איר ווי אַ מאַמע. בלייבט איבער זיך האַלטן פאַר די הענט און אַ ביסל מאַטלען. ברײַנדל וויל אַלץ וויסן וועגן איזקען, האַלט זי אין איין פרעגן:

— איר ווינט דאָרט אַלע צוזאַמען? יינגלעך מיט מיידלעך?

איזקע שמייכלט אין חושך.

— דו מיינסט אין די ביליקע הייזער? ניין מען וווינט באַזונדער...

— און אַלע ווילט איר פאָרן קיין ארץ־ישראל?

— יאָ, אַלע.

— לוינט זיך אַריינלייגן דעם לעבן אין דעם? די מיידלער גייען וואַשן פּאָדלאָגעס, אַזוי האָסטו דערציילט. און דו דאָ, אין צירק...

— ס'איז אַלץ כּדאי, אַבי צו דערגרייכן ארץ־ישראל.

— און אין שול האָט די לערערין מירע געזאָגט, אַז דאָ איז אונדזער פּלאַץ, אין ווילנע. מען דאַרף רעדן ייִדיש און זיך ניט לאָזן פון די גויִים...

— ס'וועט גאָרניט העלפן. די גויִים זענען ביי זיך, זיי זענען די באַלעבאַטים.

ברײַנדל האָט זיך אויפגערעגט:

— און ווער זענען מיר?

— מיר זענען נאָר געסט...

— אָבער די לערערין מירע האָט אַנדערש גערעדט!

— וועט זי בלייבן ביים רעדן...

ברײַנדל זעט, אַז זי וועט מיט אים ווייט ניט פאָרפאָרן, גייט זי אַריבער אויף תּכלית:

— איזקע... איך מיין... דו דאַרפסט ניט אַרבעטן ביי דעם מיסט. איך... איך קאָן דיר לייען אויב דו דאַרפסט. וועסט מיר אָפּגעבן ווען דו וועסט האָבן.

— ווען איך וויל לייען, קאָן איך דאָס בעטן ביים טאַטן. ער איז פון די רייכסטע ייִדן אין ראָוונע.

— פאַרשטיי איך טאַקע ניט וואָס האָט דיך געטריבן פון שטוב.

— איך וויל פאָרן קיין ארץ־ישראל. מיין טאַטע וואָלט זיך גוט אויפגערעדט מיט דער לערערין מירע. ער האָט געמאָלדן, אַז ער וועט מיר קיין גראָשן ניט געבן אויף דעם. בין איך אַוועק פון שטוב אויף הכשרה. ס'וועט קומען מיין ריי, איך מיין גאָר אין גיכן,

וועט מען מיר געבן אַ סערטיפֿיקאַט און איך וועל אָוועקפֿאָרן. איך ווייס שוין אַפֿילו אין וועלכן קיבוץ כ׳וועל זיין. ס׳איז ביים כנרת.

עטלעכע גוטע רגעס האָט ברײַנדל געשוויגן, גאָרניט געפֿרעגט; אָבער זי האָט זיך ניט אײַנגעהאַלטן און אַרויסגעשטאַמלט:

— דו — דו וועסט פֿאָרן אַליין, צי — צוזאַמען מיט אַ — נו...

איזקע האָט שטיל געלאַכט:

— דו מיינסט מיט אַ כּלה? ניין, איך פֿאָר טאַקע מיט אַ גרופּע, אָבער אָן אַ כּלה. אַלעם ערשט דאַרף מען אײַנאָרדענען דאָס אייגענע לעבן, אַנטייל נעמען אין בויען דאָס לאַנד. דערנאָך... אפשר...

ברײַנדל האָט ניט נאָכגעלאָזט. זי האָט נאָך געמוזט שטעלן פֿראַגן:

— און ווען איך... ווען איך וויל פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל? דאָרט מוז דאָך אויך זיין אַ צירק.

— דאַרפֿסטו אַלץ אָוועקוואַרפֿן, אָוועקגיין אין אַ קיבוץ, דאָרט לעבן אַ יאָר דריי, פֿיר ווי איך, און דאַן, ווען ס׳וועט קומען דיין ריי צו פֿאָרן...

ברײַנדל האָט זיך כּמעט צעשריען, פֿאַרגעסן אַז ס׳איז נאַכט.

— אָבער איצט, ווען דו פֿאָרסט, ניט אין יאָרן אַרום!

— שאַ, שריי ניט. וועסט אויפֿוועקן דעם הויף. מען קאָן איצט אויך פֿאָרן, נאָר מען דאַרף זייער אַ סך געלט. מאַכערס פֿירן קיין ארץ־ישׂראל דורך רומעניע. אַנדערע זענען אַזוי אָוועקגעפֿאָרן. ס׳זענען דאָ בריוו פֿון זיי; אָבער וואָס רעדסטו? וועסט אָוועקגיין פֿון ציניזעלין?

דאָ האָט ברײַנדל אויסגעשאָסן די לעצטע קויל:

— איזינקע, אין אַלע העלן וואָלט איך געגאַנגען. מיט דיר, איזינקע...

אויף מער האָט איר קיין אָטעם ניט געקלעקט.

אין איין רגע האָט זי פֿאַרגעסן צירלס אָנזאָג, אַז זי איז שוין אַכצן יאָר, זי זאָל זיין ווייטלעך פֿון בחורים, זי זאָל האָבן דעם קאָפּ אויף די פּלייצעס, זי...

ברײנדל האָט אַרומגענומען איזקען. זיך צוגעדריקט מיט איר יונגן, בויגעוודיקן גוף צו אים, און געשעפּטשעט אים אין אויער אַרײַן:

— איך האָב דיך ליב, איזינקע, איך האָב דיך ליב...

*

דערנאָך זענען זײ אַרײַן אין וואָגאָן. ברײנדל האָט זיך שטיל אויסגעטאָן און אַוועק צו איזקעס געלעגער, בײַ דער טיר. צירל איז געשלאָפן. זי האָט ניט געזען ווי ברײנדל האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אירע הענט, און זיך פאַרגנבעט אין איזקעס זיסע אָרעמס.

*

צוויי מענטשן האָבן פאַרלאָזט דער צירק ציניזועלי און איבערגעלאָזט נאָך זיך אַן אומעט און אַ בענקשאַפט — איזקע פון די מיסט און זישע ברייטבאַרד. נאָך ברייטבאַרדס גאַסטראָלן. האָט ציניזועלי גוט אָפּגעפּילט דעם בראָך אין קאַסע. ברײנדל איז אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט נאָך איזקען. צירל האָט עס צוגעזען און זיך אַליין געשטראָפט — וועלכער שוואַרציאָר האָט זי געפירט אין די ביליקע הײַזער אויף סובאָטש ברענגען פון דאָרט אַ חלוץ? וואָס האָט זי געדאַרפט דאָרט קריכן, ווי זי זאָל געוועזן זײַן אַ שותּפטע צו ציניזועלין. אָט האָט ער גוט פאַרדינט מיט ברייטבאַרדן, איז אים אײַנגעפאַלן, דעם קאָטער אין די שטיוול, אויסטײלן די איבעריקע אַ שטיקל באַנוס?

ווידער זענען געקומען אויפן צירק שווערע טעג. טאָמער האָט מען געהאָפט, אַז דער היפּנאָטיזאָר מעסינג וועט ראַטעווען די לאַגע, האָט זיך אויסגעלאָזט פון דעם נאָר צרות מיט קלאָגן. נאָך ברייט־באַרדן איז ער געקומען צופאַרן און ציניזועלי האָט באַשטעלט מודעות אויף דער גאַנצער וואַנט. מענטשן זענען טאַקע געקומען, נאָר גלײַך נאָך דער ערשטער פאַרשטעלונג האָט מען געמוזט

איבעררייסן זיינע גאַסטראָלן. מעסינגס הויפּטנומער איז באַשטאַנען אין פאַרהיפּנאָטיזירן אַ האָן. ער פלעגט דעם עוף אַוועקלייגן אויף אַ טיש, אים אָננעמען פאַר די פליגלען און אַזוי לאַנג קוקן אים אין שנאָבל אַריין, ביז דער האָן איז אַנטשלאָפן געוואָרן, ווי נאָך אַ באָד. הלוואי וואָלט זיך מעסינג באַנוגנט בלויז מיט דעם. האָט זיך אים געוואָלט ווייזן בריהשאַפט און ער האָט אַרויפגערופן פון עולם אַ קליענט אויף היפּנאָז. האָט זיך געמאָלדן צו אים אויף דער אַרענע אַ מיידל, וואָס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן ווי אַרקע דעם הונדערטערס אַ פלימעניצע. מעסינג האָט זי פאַרהיפּנאָטיזירט און זי אַוועקגעלייגט, האַרט ווי אַ ברעט, די פיס אויף איין שטול און דער קאָפּ אויפן צווייטן שטול. דאָס פובליקום איז אַרויס פון די כּלים. די בראַוואָס זענען געפלויגן ביזן דאַך. מעסינג האָט זיך געננויגט און געננויגט. דערנאָך האָט ער זיך גענומען אויפוועקן דעם האָן און אַרקעס פלימעניצע.ביידע האָבן ניט געוואָלט אויפשטיין. פון מעסינגן האָט זיך געגאָסן דער שווייס. ס'האָט גאָרניט געהאָלפן. דעם האָן האָט מען אַוועקגעטראָגן אין טיפן דרימל צום שוחט, און אַרקעס פלימעניצע האָט מען אַ האַרטע אוועקגעפירט אין יידישן שפּיטאָל, אפשר וועט פון דאָרט קומען די ישועה. דאָס מיידל איז אַזוי געשלאָפן אַ גוטע וואָך. מעסינג האָט געכאַפּט דעם פראַק מיט דער מאַנישקע און אַנטלאָפן פון ווילנע. דאָקטאָר זאַלקינדסאָן האָט זיך באַראָטן מיט אַ פּראָפעסאָר פון מיליטערישן שפּיטאָל אויף אַנטאָקאָל, און מען האָט דאָס מיידל ווי עס איז אויסגעטשוכעט. אַרקע מיט די זין האָבן געוואָלט אונטערצינדן דעם צירק. מען האָט זיך קוים אָפּגעבעטן.

✶

דערווייל האָט ציניזעלי געמוזט איבעררייסן די פאָרשטעלונגען. ער האָט געוואָרט מען זאָל פאַרגעסן מעסינגן און ווילנע זאָל אויפהערן דערמאָנען דעם האָן מיט אַרקעס פלימעניצע. ציר'ל האָט געזאָגט אַז ס'איז ביטער. מען קאָן אַ מאָל בלייבן אויפן וואַסער.

ברײַנדלען האָט עס ניט געאַרט. עס איז צו איר גאָרניט דערגאַנגען. זינט איזקע איז אַוועקגעפאָרן האָט זי די וועלט ניט געזען פאַר זיך. צירל האָט געזען ווי איר האָדולקע איז אַראָפּ פון פּנים. ניט זי עסט. ניט זי טרינקט, נאָר זיצט גאַנצע נעכט נעבן וואַגאָן און וויינט.

אין איין שיינעם פרימאָרגן האָט צירל באַשלאָסן אַז ווייטער קאָן אַזוי ניט גיין. זי מוז רעדן מיט ברײַנדלען אָפענע דיבורים. די גאַנצע זאַך איז איר ניט גלאַט. אַ מיידל זאָל אַזוי רייסן פון זיך שטיקער צוליב אַ בחור? מוז עפּעס זיין אין דעם. צירל איז אַרויס אין אַטאַקע:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פלאַנכענען, צו אַלדע שוואַרצע יאָר! וואָס איז דאָס פאַר אַ וויינען? וואָס איז ער, איין זכר אין מאָסקווע? וועסט נאָך געפינען צען פאַר איינעם...

ברײַנדל האָט גאָרניט געענטפערט. האָט צירל געפּרוּווט פון אַן אַנדער זייט.

— ברײַנדעלע, גיב אַ קוק. נו, ווי זאָל איך דיר זאָגן. ביסט דאָך שוין ניט קיין קינד. ס׳גייט דיר דאָס ניינצנטע יאָר. קאָן מען דאָך רעדן אָפענע דיבורים. איז זאָג מיר... ער... דאָס הייסט דו... דאָס הייסט איר ביידע...

דאָ האָט צירל געפונען דאָס סאַמע פּאַסיקע וואָרט און געפרעגט ברײַנדלען:

— איר האָט זיך ביידע אונטערגעהאַלטן?...

ברײַנדל האָט אָנגעשטעלט אויף דער אַפּיעקונקע אַ פּאָר גרויסע אויגן.

— וואָס קוקסטו אויף מיר? זאָג, דו ווייסט דאָך וואָס איך מיין...

ברײַנדל האָט געשוויגן. צירל איז אַרויס מיט אַ געיאָמער:

— אוי, אַן אומגליק האָט מיר געטראָפן, אוי אַ בראָך! די מיידל טראָגט, ניט אַנדערש... פאַרשרפעט זאָל ביי אים ווערן... אָט, נאַדיר די ציעניסטן. אַזוי גלאַט, מיט די מאַניערן... אַזאַ ראַזבאָיניק, אַזאַ גזלן...

דאָ האָט זיך צירל רעכט פונאַנדערגעוויינט, נאָך שטאַרקער ווי ברײַנדל, דער קרבן.

דערנאָך זענען זיי ביידע געזעסן צוגעטוליעט איינע צו דער אַנדערער אָן איין וואָרט.

*

נאָך מעסינגגן איז דער צירק ניט געקומען מער צו זיך. דער ייִד מיט דער באָרד האָט אויסגעפּירט ביי קרייגגעלן צו בויען אַ ייִדישן טעאַטער. ציניזועלי האָט געזען אַז די שפּיל איז צום טייוול, ער וועט בלייבן נאַקעט, הויל; האָט ער אויפגעגעבן, פאַנאַנדערגעלאָזן דעם צירק. דער ערשטער איז געגאַנגען דער העלפאַנד. סטאַשעווסקי, דער אייביקער קאָנקורענט, דער באַלעבאָס פון צירק „מעדראַנאָ" האָט אים אָפּגעקויפט פאַר גראָשנס. ציניזועלי האָט זיך געשוואָרן, ווען ער איז ביי מער געלט, שיקט ער אַוועק דעם העלפאַנד צוריק קיין אַפריקע ער זאָל אין וואַלד ענדיקן זיינע פאַר יאָר. די פאָר לייבן האָט סטאַשעווסקי ניט געוואָלט נעמען אומזיסט. האָט מען זיי געשאָנקען דעם ווילנער זוורינעץ, זאָלן קינדער הנאה האָבן. די פערד זענען אַוועק מיט זייערע באַלעבאַטים, די וואָלטיזשערן. פון ביידע מאַלפּעס, וואָס האָבן געהאָלפן ברײַנדלס טאַטן אין דער פרנסה, איז איינע אַנטלאָפן, די מיטן רויטן שלייף. קינדער האָבן זי געזען זיצן אויפן קופּאָל פון דער כאָרשול, אויף זאַוואַלנע גאַס.

צירל האָט ניט געהאַט וואָס מיטצונעמען פון צירק, כיבע דעם באַלאַנסיר־שטעקן. ברײַנדל האָט אויך גאָרניט געהאַט. אין איין קליינעם קופערל האָט זי איינגעפּאַקט אירע פאַר קליידלעך, די פלאַנטעס, דעם ווייסן רעקל מיט די פּליסע, וואָס האָט איר געדינט בעת די אויפטריטן, און דאָס קעסטעלע מיטן צעריבענעם קאַלך. צירלס קרובה איז שוין צוויי מאָל געווען אין ווילנע. זי בעט זיך ביי צירלען: קום צופאָרן. די קרובה האָט דערציילט, אַז יענער פון דאָרף איז אַ טייערער ייִד, ניט קיין אַלטער, אָן קינדער. ער טראַכט וועגן פאַרקויפן דאָס שטיקל פאַרמעגן און פאָרן קיין ארץ־ישראל,

די גוייִם האָבן אָנגעהויבן דריקן פֿון אַלע זייטן. זיי שטעכט די אויגן, אַז אַ ייִדישער פֿויער פֿאַרדינט זיין ברויט שענער פֿון זיי. ווען עס מאַכט זיך אַ שידוך, אַזוי זאָגט ער, וואָלט געווען גאָר גוט. אַליין איז שווערלעך צו פֿאָרן. ווי ניט איז, איז דאָ וואָס מיטצונעמען. צוויי פּאָר אויגן איז בעסער אין אַזאַ ווייטער רייזע.

צירל האָט דערהערט, אַז דער ייִד פּלאַנט צו פֿאָרן קיין ארץ־ישראל, איז זי געוואָרן אַ פֿאַרביטענע. די קרובה האָט זיך זייער געוווּנדערט, וואָס האָט זי, צירל, פּלוצעם מסכּים געווען צו קומען קיין מיישעגאָלע. דער קרובה האָט זי דערציילט, אַז עס האָט זיך אַזוי געמאַכט. אַלץ איינס מוז זי אָוועקפֿאָרן פֿון ווילנע. דער צירק האָט זיך אויפֿגעלייזט. איר האָדולקע, ברײַנדל, איז אין די הויכע מָאַנאַטן. זאָל זי בעסער האָבן אויסערן שטאָט, מען זאָל ניט טייטלען מיט די פֿינגער.

די אמתע סיבה אָבער וואָס זי לאָזט זיך רעדן דעם שידוך, האָט צירל ניט דערציילט. יענע האָט שוין געמאַכט אַ גאַנצן פּלאַן. זי וועט איינרעדן דעם ייִדן, אַז דריי פּאָר אויגן איז נאָך בעסער. ער וועט דאָס פֿאַרשטיין. ער מוז דאָס פֿאַרשטיין. דער שוועד האָט געוואָלט מיטנעמען ברײַנדלען צו זיך אַהיים. ציניזעלי האָט צו־גערעדט. ער האָט געזאָגט אַז אין שוועדן איז אַ פֿרעמדער בויך גאָרניט. מיינע, דיינע, מען מאַכט ניט קיין חשבונות. ווי נאָר, אַז יענער גייט אויס פּאַר איר, ער חלשט.

צירל האָט ניט געוואָלט הערן דערפֿון. זי האָט טאַקע ניט דערהיט ברײַנדלען, אָבער צו אַ שגץ איז נאָך ווייט. אַזוי האָט זי געטעהנט און איז אָוועקגעפֿאָרן מיט ברײַנדלען צו דער קרובה, זיך לאָזן רעדן דעם שידוך.

*

צירל, וואָס איז אַליין ניט געווען קיין מיאוס ווייבל, האָט אַרומגעדרייט דעם ייִדן אַרום פֿינגער. וואָס זי האָט געזאָגט, האָט ער צוגעבאָמקעט: יאָ, ער האָט פֿאַרקויפֿט זיין כודאָבע און זיי

זענען אַלע אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, ברײַנדל מיט אַ זייגקינד בתוכם.

*

אין קיבוץ אויף סובאָטש־גאַס איז אָנגעקומען אַן אויפטרייס־לענדיקער בריוו. אַ חבר פון דער הכשרה, וואָס איז אַוועקגעפאָרן צוזאַמען מיט איזקען, האָט געשריבן, אַז יענער האָט פאַרראַטן די אידעע פון בויען דאָס לאַנד. ער איז אַוועק פון קיבוץ. פּלוצעם איז ער גוט געוואָרן מיט זײַן טאַטן, דעם אַנטי־נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַליסט. דער טאַטע האָט אים געשיקט אַ ביסל געלט, האָט ער אויסגעשריבן פון איטאַליע אַ צירקגעצעלט און אים אַוועקגע־שטעלט אין תל־אביב, האַרט נעבן ים. איזקע איז געוואָרן אַ קליינבירגער. ער פירט דעם צירק. ברײַנדל, וואָס ער פלעגט אַזוי פיל דערציילן וועגן איר אויף סובאָטש, גייט איבערן שטריק. גאַנץ תל־אביב לויפט קוקן. זיי האָבן חתונה געהאַט. ער איז געקומען צו פאָרן צו גאַסט אין קיבוץ מיט איר און אַ קליין קינד, אַ ייִנגעלע. מען האָט אים זייער קאַלט אויפגענומען, ווייל ער געהערט ניט מער צו דער באַוועגונג, וואָס זעט פאַר אַן אַרבעטנדיק ארץ־ישראל.

דער צירק הייסט „קירקס ציון״.

לאָמיר דערציילן
וועגן אונדזער ווילנע

לאָמיר דערציילן וועגן אונדזער ווילנע

אינעם נעפּל פון זכרונות ליגט נאָך אַלץ פאַר אונדז ווילנע, אונדזער היימשטאָט, אַן אויסגעבאַדענע אין דער ווילִיע, אין דער צייט ווען די גרויזאַמע וואָר האָט זי דערטרונקען אין בלוט.

שוין יאָרן ווי מיר זענען אַרויס פון אונדזער תרובער היים דורך צענדליקער שליאַכן, זיך קיין מאָל צוריק ניט אומצוקערן. יעדער פון אונדז, פאַרן פאַרלאָזן די שטאָט, האָט געוואָרפן, ווי לוטס ווייב, אַ לעצטן בליק צו איר; און אויב מיר זענען דאַן ניט פאַרשטיינערט געוואָרן אין זאַלציקע ברילעס, ווי דער חומש דער־ציילט, און מיר האָבן זיך צעשאָטן, ווי פּאַנאַרער שטויב, איבער דער גאָרער וועלט, איז איינס זיכער — אונדזערע הערצער זענען יאָ זאַלציק פאַרשטיינערט געוואָרן ביים אַוועקגיין פון ווילנע. ווייל ניט מיט קיין זיסע טרוימען וועגן אַ גרויסער, שיינער וועלט זענען מיר פון דאָרט אַרויס, נאָר מיט פאַרדריקטע ליפּן און אַ פאַר־ביילטער פויסט קעגן אַ וועלט, וואָס האָט ברוטאַל צעבראָכן אונדזער אמונה אין איר. און ווילנע האָט אין זיך פאַרמאָגט אַזוי פיל גלויבן.

איך דערמאָן זיך, ווי מיר, אירע קינדער, האָבן געזוכט אין די שמאָלע געסלעך וועגן ווי בעסער צו מאַכן די ברייטע וועלט. אויף גלעזער־גאַס, אין אַ הינטערהויף, זענען מיר געווען אויפגעזאַמלט אַקסל צו אַקסל, און מדריכים האָבן אונדז מגלה געווען די סודות פון יושר און גערעכטיקייט. אונדזערע מדריכים, אין זייער נאַיווקייט, האָבן אפשר ניט געקאָנט פאָרויסזען, אַז ס׳וועט קומען אַ צייט ווען מיר וועלן באַדויערן, וואָס מען האָט אונדז ניט מגלה געווען דעם סוד פון אַ מאַשין־געווער. זיי האָבן ניט געקאָנט פאָרויסזען, אַז דאָס שטעפּן פון אַן אַווטאָמאַט וועט זיין די איינציקע פאַר־

שטענדלעכע שפּראַך צווישן אונדז און דעם רוצחישן, בלוטדורשטיקן אַרום. יאָרן האָט מען איז אונדזערע קינדערשע הערצער איינגע־פּלאַנצט אַ גלויבן אין אַלץ וואָס איז ריין און דערהויבן. אונדזערע לערערס האָבן אונדז דערצויגן צו גוטע מעשים. מיר האָבן זיך אין אונדזער ווייטסטן דמיון ניט פאַרגעשטעלט די גרויזאַמע נסיונות, קעגן וועלכע אונדזער דור וועט דאַרפן שטיין.

✶

ווילנע האָט געלייגט איר חותם אויף אונדז. מיר האָבן זיך געקוויקט מיט דעם ריח פון די וועלדער אין וואָלאַקומפּיע און אַנטאָקאָל. דאָס וואַסער פון דער ווילִיע האָט אונדז געקילט אין די הייסע זומערטעג. מיר זענען געזעסן אין די אָוונטן ביי דער גרינער אַזערע און דאָרט דורכגעלעבט דעם ערשטן ציטער פון אַ נאָענטן באַריר. מיר זענען צו אַלע געפילן געווען צוגעגרייט, בלויז ניט צו דעם געפיל פון האַס. איידער מיר האָבן באַגריפן דעם כוח פון אַט דעם געפיל, האָבן רוצחישע דייטשישע הענט פאַרגאָסן טייכן בלוט פון אונדזערע נאָענטסטע.

אין דעם טאָג ווען מיר זענען זיך מתייחד מיט דעם אָנדענק פון אונדזער היימשטאָט, זע איך אונדזערע טאַטעס, מאַמעס, אונדזערע ברידער און שוועסטער, אַלע נאָענטסטע, ווי זיי גייען דורך די ווילנער גאַסן צו פּאָנאַר. עס זענען פאַרווישט צווישן זיי אַלע גרענעצן. מיין טאַטע גייט אין איין ריי מיט זיינע טעאַטער־באַזוכערס, וואָס פלעגן קומען פון פּאַפּלאַוועס און רוזעלע פּרייטיק צום קאַסע־פענצטערל, כדי זיך צו באַזאָרגן, צוזאַמען מיט פיש און עוף, אויך מיט אַ בילעט צו דער שבתדיקער פאָרשטעלונג. אָט גייען זיי צוזאַמען זייער לעצטן גאַנג. און אָט שפּאַנט דער שמש פון דער גרויסער שול, ר׳ חיים גאָרדאָן, וועלכער האָט געגעבן חופּה וקידושין אַזוי פיל יונגע, פאַרליבטע קינדער. זיין גרויע באָרד פלאַטערט אין ווינט און הינטער אים גייען אַלע, וועמען ער האָט געהייליקט אין אַ הייליקן בונד.

די לעגענדע דערציילט, אַז דער גרינדער פון דער שטאָט ווילנע, דער פירשט געדימין, האָט געחלומט אַ חלום. ער האָט געזען ווי אַ גרויסער וואָלף אין אַן אייזערנעם פּאַנצער האָט געוואָיעט ווי הונדערטער וועלף צוזאַמען. אַ דערשראָקענער האָט ער געבעטן דעם עלטסטן פון זיינע געצנדינערס־כוהנים פותר צו זיין דעם חלום. יענער האָט געזאָגט, אַז דער גרויסער וואָלף באַדייט אַ שטאַרקע פעסטונג און אַ גרויסע שטאָט, וואָס וועט שטיין אויף דעם אָרט ווו דער פירשט איז אַנטשלאָפן געוואָרן נעבן אַ באַרג האַרט ביי אַ טייך. דאָס וואָיען איז אַ סימן, אַז דער שם פון דער שטאָט און דער פעסטונג וועלן זיך פאַרשפּרייטן איבער דער גאָרער וועלט. געדימין האָט זיך זייער איבערגענומען פון דעם חלום און טאַקע אויסגעבויט אַ שטאָט מיט אַ פעסטונג. די שטאָט האָט ער אַ נאָמען געגעבן ווילנע צוליב דעם טייך ווילִיע, וואָס פליסט דאָרט דורך.

אונדזער ווילנע איז מער נישטאָ. עס פרייען אונדז ניט די ניי־אויסגעבויטע הייזער אויף אַנטאָקאָל און זווערינעץ. מיר זענען גלייכגילטיק צו די סקווערן, באַפּוצט מיט בלומען און די אויסגעברייטערטע גאַסן. אונדזער ווילנע מיט אירע ענגע זאַווּליִקלעך, מיט אירע שמאָלע געסלעך, וועלכע האָבן אונדז געפירט צום טעלאַטניק — די ווילנע ליגט אין שטויב, ווי אַ הרוג ביים וועג. די שטאָט איז אויפגעבויט געוואָרן דורך דעם געוואַי פון אַ וואָלף און איז חרוב געוואָרן דורך אַ וואָלפישן געוואַי, דעם דייטשישן געוואַי. און אונדז, די לעצטע ווילנער פירשטן, חלומט זיך אין די נעכט דער געוויין פון פאַנאַר.

ציטנווייז גיט אַ ציִ צו ווילנע, אונדזער היימשטאָט. עס ווילט זיך כאַפּן כאָטש נאָך אַ בליק אויף אונדזער ירושלים דליטא; אָבער גלייך דערמאָנען מיר זיך, אַז די שטאָט איז נישטאָ. זי געהערט נישט מער צו אונדז. זי געהערט בלויז צו די קדושים. אונדז איז געבליבן די ווילנע, וואָס מיר טראָגן אין האַרצן. די איינציקע טרייסט דאַרף מען געפינען אין ירושלים, דער עיר הבירה פון אונדזער אויפקום נאָך דעם אומקום. זי, בלויז זי, קאָן

אונדז ברענגען אַ ברעקל נחמה, ווייל דורות האָט מען זי דערמאָנט אין איין אָטעם מיט אונדזער היימשטאָט ווילנע, ירושלים דליטא.

✶

איך געדענק ווי מיר האָבן געשמידט כּישוף־פּאַדקעוועס צו קאָנען מיט זיי לויפן גיכער צו דער וועלט און ברענגען דאָרט דעם גרוס פון דער געוועלבטער יידישע גאַס. אין ווילנע האָט מען וועגן אַלץ געטראַכט. אַפילו וועגן אַ מדינה. עס שטייט מיר פאַר די אויגן דער אויסטערלישער ייִד אין בוידעם־שטיבל אויפן דורכהויף, וואָס האָט זיך אויסגערופן פאַר אַ מלוכה־פּרעזידענט, און געצייכנט אויף שטיקלעך פאַרביקן פּאַפּיר געלט־באַנקנאָטן מיט אַ מגן־דוד און ווי אַ וואַסער־צייכן דער מוטער רחלס קבר. אין אים האָט דאָך די גאולה געברענט. ער האָט ניט דערלעבט אָנצוטאַפּן זיין חלום מיט די אייגענע הענט. דייטשישע, פאַרבלוטיקטע הענט האָבן אים, צוזאַמען מיט זיין חלום, פאַרשלעפּט קיין פּאָנאַר, אָט דער ייִד האָט ניט דערלעבט צו זיין אַן עדות פון דעם מדינה־אויפקום, וואָס דאָס איז אפשר די איינציקע פאַרגיטיקונג פון דער השגחה עליונה פאַר אונדזער אומגליק, פאַר די אַלע טייערסטע, וועלכע זענען אַוועק זייער לעצטן וועג ניט ווייט פון דער שטאָט.

און ווידער אַ מאָל, אויב מיר, די ווילנער, אָפּגעראַטעוועטע פון חורבן, האָבן אַ מעגלעכקייט זיך צו פאַראייניקן מיט דעם אָנדענק פון טאַטע־מאַמע, פון ברידער און שוועסטער, פון קרובים נאָענטע און ווייטע, ביי דעם כּותל־מערבי, וואָס אין ירושלים, האָט אין דעם פּאָנאַר אַ גרויסן חלק. זיי אַלע זענען דאָרט אַוועק ווי דער אַוואַנגאַרד פון דער אַרמיי, וואָס האָט אויסגעקעמפט די מדינה. ווייל די מדינה איז געבוירן געוואָרן אויף יענע זאַמדן, די זאַמדן הינטער ווילנע, וואָס דינען ווי אונדזער ברודער־קבר. די מדינה איז די פרוכט פון אונדזער גבורה און אונדזערע ליידן.

✶

ניט איין מאָל פרעגן מיר איינעם דעם אַנדערן: פאַר וואָס קערן מיר זיך אום מיט אַזאַ עקשנות צו אונדזער היימשטאָט, ווילנע? האָבן מיר דאָך געדאַרפט פאַרשילטן און פאַרלוימדן יעדן שפּאַן ערד, וואָס האָט געפירט צו פּאָנאַר, צו דעם ברודער־קבר פון אונדזער בלוט און פלייש; און דאָך קאָנען מיר בשום אופן זיך ניט אָפּרייסן פון דעם זאַמדיקן ווילִיע־ברעג, ווו מיר זענען געלאָפן באָרוועסע, כּדי צו פילן דעם קילן אָטעם פון די באַשיידענע וואַסער־כוואַליעס. יעדער ווילנער, אין אַ אומעטיקער רגע, דערפרייט אַ ביסל זיין האַרץ מיט אַ דערמאָנונג וועגן זיין ווינקל אין דער שטאָט. און די שטאָט האָט פאַרמאָגט אַזוי פיל ווינקלען. אָט איז געווען אַ ווינקל פאַר אַ פרוי מיט דעם נאָמען דבורה־אסתּר. מיידלווייז האָט זי פאַרקויפט צוקער־געבעקס, גייענדיק מיט אַ טאַץ פון איין שענק צו דעם אַנדערן. אַ טייל פון אירע פאַרדינסטן האָט זי באַשטימט אויף צדקה. דבורה־אסתּר האָט אויך נאָך דער חתונה ניט איבערגעריסן איר געבן הילף נויט־באַדערפטיקע. זי פלעגט טיילן גמילות־חסדים. האָט זי געהאַט איר ווינקל אויף יאַטקעווער גאַס, ווו זי איז געזעסן אַלע וואָך, געטיילט צדקה און אויפגענומען די חובות, כּדי זיי צו געבן ווידער אַ מאָל אין אָרעמע הענט. אפשר דערפאַר, וואָס איך בין אַזוי פאַרליבט אין מיין היימשטאָט, זאָג איך, אַז אַזאַ דבורה־אסתּר האָט געקאָנט לעבן בלויז אין ווילנע. בלויז דאָרט, צווישן די מויערן פון יאַטקעווער גאַס, האָט זי געקאָנט זיצן און פירן איר באַנק, וואָס האָט געאַרבעט אָן אַ גראָשן ריווח, בלויז מיט דעם קרן.

דער ווינקל אויף יידישע גאַס, ווו דעם ווילנער גאונס מאַמע, ווען זי האָט געשוואַנגערט מיט אים, האָט זיך צוגעשפּאַרט מיטן בויך צום מויער, אַנפאַרנדיקע רייטערס זאָלן זי ניט צעטראַמפּלען מיט זייערע פערד, איז געוואָרן באַוווּנדערט פון יעדער פרוי, ביז דער חורבן האָט צעלייגט די גאַס. דער ווינקלשטיין דאָרט איז געווען פאַרשטופּט טיף אין דער מויער. ווי אַ געטלעכע האַנט

וואַלט אים אַריינגעשטופּט טיפער, כּדי ס'זאָלן זיין אָרט פאַר דער פרוכט, וואָס איז דערנאָך אויסגעוואַקסן צום גרעסטן יידישן שטאָלץ־ דער ווילנער גאון רבי אליהו.

לאָמיר דערמאָנען נאָך אַ יידישן ווינקל. דאָס איז דער בוים, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויפן אַלטן בית־עולם, אויף אַרויף שניפּע־ שיק, איבער דעם אוהל פון ווילנער גר־צדק גראַף פּאָטאָצקי. דער בוים איז אויסגעוואַקסן מיט צעשפּרייטע צווייגן, ווי צעשפּרייטע, מענטשלעכע הענט, ווי צו באַשיצן דעם קבר פון אַן אַדעליקן, וועלכער האָט אַנטדעקט אין אונדזער אמונה דעם העכסטן אויסדרוק פון הומאַניזם.

די יוגנטלעכע ווינקלען זענען געווען צעשאָטן און פאַרשאָטנט, ניט דווקא אין סאַמע שטאָט, נאָר אין דער געגנט אַרום, צווישן וואַלד און פעלד, צווישן טייכן און אָזערעס. ווי מיר פלעגן אַרויפ־ וויאַסלעווען מיט אַ שיפל פון אַנטאָקאָל ביז ווערעק. דאָס וויליע־ וואַסער האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם שיפל עס זאָל זיך גליטשן אויף זיין נאַסן פּנים, מיט עכטער, ווילנערישער עקשנות, דווקא אַרויף שטראָם. קיין ווערעק זענען מיר געפאָרן אָנקוקן די פאַר ריזיקע פּאַלמעס, די רעשטלעך פון אַן אַמאָליקער אָראַנזשעריע, וואָס אַ פּריצישע האַנט האָט פאַרלייגט. אונדזערע יונגע אויגן זענען ניט געווען געוווינט צו אָט די בוימער, וואָס האָבן געשמעקט מיט חומש, מיט דער, פון היץ־געשפּאָלטענער, סטעזשקע צו דער מוטער רחלס קבר. מיר האָבן זיך דאַן מער פאַרשיכּורט מיט דעם שאַרפן ריח פון דער סאָסנע, מיט דעם מאָכיקן וועג דורכן וואַלד צו דער גרינער אָזערע, טאַקע ניט ווייט פון פאַרלאָזענעם פּאַלאַץ אין ווערעק.

שפּאַצירן זענען מיר געגאַנגען מיטן לעאָנישקער וועג, ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין פּושקאַרניע. דאָרט, נעבן דער אַלטער וואַסערמיל, וואָס מען האָט זי גערופן „די פראַנצויזישע מיל”, האָבן מיר געקילט אונדזערע הייסע געמיטער. אויך אַדאַם מיצקעוויטש, דער פּוילישער נביא־פּאָעט, איז דאָרט געזעסן אין די אָוונטן און געזען אין דמיון זיין היימלאַנד באַפרייט פונעם פרעמדן יאָך.

איז מען שוין אין פושקאַרניע, ווי איז דאָס ניט אַריבערגיין די שמאָלע ווילענקע און אָנקוקן שוין דאָס וויפלטע מאָל דאָס שטיקל געגנט, וואָס הייסט מאַרקוציע? איז דאָך אין דאָרטיקן באַשיידענעם גוט איבערגעבליבן אַ פעקל גענדזענע פעדערס, מיט וועלכע עס האָט זיך באַנוצט פושקין, דער אויסגערופענער דיכטער פונעם רוסישן זילב. זיין יינגסטער זון האָט געקראָגן אין נדן מאַרקוציע, און געבראַכט מיט זיך פון ווייטן פעטערבורג דעם טאַטנס שרייבטיש, זיין שטול, אַ טינטער און אַ שטיילאָמפּ. ניט איין דיכטער פון דער „יונג-ווילנע״-גרופּע איז דאָרט געשטאַנען און באַטראַכט מיט יראת־הכבוד די אומבאַדינגטע כלים אויפצוכאַפּן דאָס דערהויבענע וואָרט און אים צושמידן צום פּאַפּירבלאַט.

לאָמיר זיך ווידער אַ מאָל דערמאָנען דעם וועג מיטן ברעג פון דער ווילִיע קיין קאַראָלינקע. דאָרט האָט זיך פּאַר אונדזערע אויגן אויסגעלייגט אַ גרינער טעפּעך פון פעלדער און וועלדער, דורכגעוועבט מיט שמאָלע טייכלעך, ווי זילבער־פעדים, און בלומען אויף בלומען. ווילנע האָט פּאַרמאָגט קאַרגע טויזנט מינים בלומען און פינף און צוואַנציק מינים פעדער־גראָזן. איז וואָס איז דער וווּנדער, אַז די אומגעגנט פון אונדזער היימשטאָט איז מסוגל געווען אויסצולייגן די סאַמע פאַרביקסטע טעפּעכער צו די פיס פון דער וועלט? אין אירע וועלדער און אויף אירע לאָנקעס האָבן געפונען זייער היים שנייהינער און שוואַרצע בושלען, פאַלקן, שוואַלבן, ציטערעקלעך און פשוטע שפּערלען. סאַרנעס און קראָטן, נאָדלערס און באַרסוקעס, וועווערקעס, טכוירן, האָזן און לאָסיצעס — אַלע האָבן זיי געפונען זייער האַרבעריק אין די ווילנער וועלדער. דריי הונדערט מינים פייגל האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין אונדזערע געגנטן. אין אַלטע כתבים איז פאַראַן אַ רמז, אַז זיי האָבן זיך באַזעצט אַרום ווילנע צוליב דער שיינקייט, וואָס גאָט האָט געשאָנקען דער ערד אַרום אונדזער היימשטאָט. אין די זעלבע כתבים ווערט אויך דער־ציילט, פאַר וואָס מען רופט ווילנע ירושלים דליטא. ס'איז געווען אַ צייט, מיט דורות צוריק, ווען ווילנע איז ניט געווען אָנגענומען אין דער יידישער וועלט. די גרויסע קהילות אין פּוילן און ליטע האָבן

אונדזער שטאָט ניט געוואָלט אַריינעמען אין זייער פאַרבאַנד, אין דעם אַזוי־גערופענעם „וועד ארבע ארצות". איז אַוועקגעפאָרן אַ ווילנער דעלעגאַציע צו דעם וועד קיין בריסק מיט אַ רשימה פון דריי הונדערט דריי און דרייסיק לומדים, וועלכע קאָנען דעם גאַנצן ש"ס אויסנווייניק. דערזען די רשימה, האָט דער וועד געפסקנט, אַז ווילנע דאַרף אַריינגענומען ווערן אין פאַרבאַנד, און אין זכות פון אַזאַ גרויסער צאָל תלמידי־חכמים אין איין שטאָט, קאָן זי מיט רעכט אויסגערופן ווערן ווי ירושלים דליטא. אַזוי האָט די וועלט אונדז אָנגעטאָן די קרוין.

לאָמיר לינדערן דעם ווייטאָג פון אונדזער פאַרוואונדעטן געמיט מיט נאָך עטלעכע דערמאָנונגען. דער צער נאָך אונדזער פאַר־שניטענער היימשטאָט איז אַריינגעשטאָכן אין אַלע ווילנער הערצער, ווי אַ פאַרבראָכענע פייל, ניט אַרויסצושלעפן. דער איינציקער זאָלב צו אָט דער ווונד איז די דערמאָנונג. זאָל אַ שוועב טאָן פאַר די אויגן נאָך אַ מאָל אונדזער באַליבטע יערחאַלימקע, ווו אַפילו נאַפּאָלעאָן האָט זיך געמוזט אויף אַ רגע אפּשטעלן בעת זיין מאַרש קיין מאָסקווע, כּדי מיטצונעמען צידה לדרך אַ ביסל שיינקייט פון אָט דער געגנט. ער האָט דאָן נאָך ניט געוווּסט, אַז הינטער דעם שאָטן וואָס ס'האָבן געוואָרפן די וועלדער אַרום ליגט אויסגעצויגן דער צעריסענער בגד פון זיין מפּלה.

צי קאָן מען וועגן אַלץ זיך דערמאָנען? וויפל מיר וועלן ניט דערציילן וועגן ווילנע, בלייבן מיר נאָך אַלץ הינטערשטעליק פון די זכרונות. מיר קאָנען זיך שוין ניט דערמאָנען אַלע קרומע געסלעך, זאַווּליקעס און פלעצער, די פאַרקרימטע, אויסגעקרימטע און פאַר־דרייטע. מיר מוזן דורכלאָזן אַ וואָרט וועגן זאַקרעט, בורבישקי און זווערינעץ. די צייט טוט איריקס. זי גריזשעט די זעמל פון צעשמיי־כלטע דערינערונגען. וואָס ווייטער מיר זענען פון יענע יאָרן, קערן זיך אונדזערע מחשבות אָפּ פון דער ווילנער שיינקייט, וואָס איז אַוועק און מער נישטאָ. מיר לעבן מער מיט דעם גרויל פון פאַנאַר. אונדזער ווילנע, די שטאָט פון טאַטע־מאַמע, פון ברידער און שוועסטער, פון דער ערשטער ליבע, פון ברוויזיקע חלומות — זי

איז געבליבן אין די זאַמדן פון אַ געגנט, דורך וועלכן מיר פלעגן אַ מאָל אַוועקוואַנדערן צו זון און וואַסער, צו לידער־געזאַנג און צו אמונה אין אַ ברידערלעכער וועלט. ניט איין מאָל האָבן מיר דאָרט, אויף פּאַנאַר, בלומען געריסן, כּדי צו ברענגען אַ באַשיידענעם בוקעט אַהיים. האָבן מיר זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אַז מיר וועלן דאָרט דאַרפן אַ מאָל בלומען לייגן, כּדי אָפּצומערקן באַשיידן די זעלבע היים?

דאָס איז אַלץ וואָס איז געבליבן פון אונדזער היימשטאָט — אַ זעקעלע פּאָנאַרער ערד. לאָמיר, לכל הפּחות, צעוואַרפן אונדזערע דערמאָנונגען איבער דער גאָרער וועלט. אפשר וועט פון זיי אַרויס־שפּראָצן אַ נייער חלום, ווו די לויטערע שיינקייט האָט די אויבער־האַנט. אפשר וועט אַ יוגנט אין אַ ווייטן ווינקל ערד נעמען, ווי מיר אַ מאָל, געשניצטע וואַנדער־שטעקנס אין די הענט און מאַרשירן מיטן פּנים צו דער אויפגייענדיקער זון, דער זעלבער זון, וואָס פלעגט אונדז אַ מאָל באַגעגענען אין די פאַרטאָגן ביי די ברעגעס פון דער טראָקער אַזערע. בלויז אַזאַ יוגנט קאָן ממשיך זיין אונדזערע דערמאָנונגען.

✶

יאָרן וועלן אַוועקגיין. דער נעפּל פון זכרונות וועט ווערן געדיכטער און געדיכטער. שטריכן פון נאָענטע פּנימער וועלן פאַרווישט ווערן, אָבער איינס איז זיכער — תמיד וועט די ווילנער לאַנדשאַפט לינדער מאַכן אונדזער וויי. לאָמיר דערציילן אונדזערע קינדער וועגן דער היימשטאָט. זאָלן זיי געדענקען די פלעצער, ווו מיר זענען געלאָפן מיט באָרוועסע פיס, צערויטלט פון פרייד. לאָמיר זיי דערציילן וועגן אונדזער טראַגעדיע. זיי דאַרפן וויסן צוליב וואָס זיי, די יונגע, זענען געלאָפן אין אַלע ישראלדיקע מלחמות, און געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך אַנטקעגן צו שטעלן מיט געווער אין האַנט, אויף פאַר אונדזער פאַרלאָרענער היימשטאָט, אונדזער ווילנע.

אינהאַלט

דער גאַסט 9
צאַלקע דער פרייער 23
פורטע פון די ציגל 37
דער סטראַדיוואַרי פון גלעזער־גאַס . . . 51
הירשל דער ציגיינער 67
די קאַץ 77
אַ קישן צוקאָפּנס 91
דער שולהויף 109
ברײנדל פון צירק ציניזעלי . . 123
לאָמיר דערציילן וועגן אונדזער ווילנע . . . 145

פון זעלבן מחבר:

דער וועג קיין סדום

— ישראל־דערציילונגען **פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1959**

ביים ווילנער דורכהויף

— דערציילונגען וועגן ירושלים דליטא

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1967

אַ טאָג פון מלחמה

— ישראל־דערציילונגען **פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1973**

ברוניסלב הוברמן — קוים לדמותו

— ביאָגראַפיע פון גרינדער פון ישראלדיקן
פילהאַרמאָנישן אָרקעסטער

פאַרלאַג הספריה המרכזית למוסיקה בישראל, 1973

אויף ווילנער גאַסן

— דערציילונגען וועגן ירושלים דליטא

פאַרלאַג „די גאָלדענע קייט", 1981

צו פוס קיין ארץ־ישראל

— ישראל־דערציילונגען **פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1985**

אין דרוק:

גראַף פּאָטאָצקי — דער גר־צדק פון ווילנע

זיין וועג צום יידנטום

30 שנה בשרות המוסיקה

זכרונות מעבודתי בתזמורת הפילהרמונית הישראלית